ס'איז דעריבער גאָר נישט שווער צו פאַרשטיין, אַז יעדער ייד, וועלכער שטעלט נאָר זיין פוס אויף דעם אָרט, זאָל אים באַגלייטן אַן אינערלעך געפיל פון אומרו; און אין זיין געמיט פיבערט אַ ציטער פון אַ צאַפּלדיקער טראַגעדיע וואָס אונדזער פאָלק האָט איבערגעלעבט אין יענע צייטן.

★

מ׳האָט געקענט זאָגן, אַז זיי זענען געבוירענע דייטשן, כאָטש אשר איז געבוירן געוואָרן אין קיבוץ „יד מרדכי״ און דוד אין קיבוץ „המפיל״ נישט ווייט פון חדרה.

זיי, אשר און דוד, זענען געוואָרן פריינטלעך מיט דעם רעדאַקטאָר פון דער נעאָ־נאַצישער טעגלעכער צייטונג „דייטשישע סאָלדאַטען צייטונג״, ווו זיי האָבן פון צייט צו צייט אויך געשריבן בריוו אין רעדאַקציע און זיך אונטערגעשריבן האַנס וואַגנער פאַר אשרן און ווילי בראַון פאַר דודן.

עס איז זיי געלונגען אַריינצודרינגען אין די נעסטן פון דער נאַצי־באַוועגונג, זיך דאָרטן גערעכנט פאַר חשובע געסט אויף די נאַצי־פאַרזאַמלונגען און טאַנץ־פאַרוויילונגען. זיי האָבן געמאַכט באַקאַנטשאַפט מיט די נאַציס און געהיימערהייט פאָטאָגראַפירט די נאַצי מאַסן־מערדערס. זייערע „פריינט״, די נאַציסטן, האָבן פאַרנומען בכבודיקע שטעלעס און זיך געפילט זיכער, אַז קיינער וועט זיי נישט שטעלן פאַר קיין שום געריכט.

אַ דאַנק אשרן און דודן איז דער ברוך ראַזענטאַל־צענטער געוואָרן רייכער מיט עטלעכע צענדליק קאַרטאָטעקעס פון נאַציס, וועלכע דער צענטער האָט יאָרן לאַנג געזוכט.

די צוויי נאַצי־יעגערס האָבן, מיט אַ צייט צוריק, געוואָרפן אַן אויג, זיך פאַראינטערעסירט מיט די הערן וואַלד און אַנקער און אָנגעהויבן זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן זיי. אויף אַ פאַרזאַמלונג פון די נאַציס האָבן זיי זיך צוגעקוקט צו די פּנימער פון די צוויי הערן און באַמערקט, אַז זיי האָבן זיך געלאָזט מאַכן קאָסמעטישע אָפּעראַציעס.

זיי האָבן געדונגען אַ וווינונג אויף דער פּרינץ לודוויק שטראַסע נומער 14 אין מינכען אויפן ערשטן שטאָק. דאָס איז געווען אַנטקעגנאיבער דעם הויז אויף פּרינץ לודוויק שטראַסע נומער 17, ווו הער וואַלד האָט געהאַט זיין אַפּאַרטמענט.

דוד און אשר זענען שוין לאַנג געשטאַנען ביים פענצטער און אָבסערווירט די געסט, וואָס האָבן וויזיטירט דעם הער וואַלד און אויך וואָס עס טוט זיך אין הער וואַלדס צימער. כאָטש אַ דינע פאָרהאַנג האָט פאַרשטעלט, דאָך האָבן זיי געזען די באַוועגונגען אין דער וווינונג. זיי האָבן אויך באַמערקט, אַז אַן אָפטער גאַסט ביים הער וואַלד איז געווען דער הער אַנקער, וועלכן די נאַצי־יעגערס האָבן אויך געזען אויף די פאַרזאַמלונגען און טאַנץ־פאַרוויילונגען, ווו נאָר נאַציס האָבן געהאַט אַריינגאַנגס־דערלויבעניש.

אין אַ געוויסן טאָג האָבן די צוויי נאַצי־יעגערס באַמערקט, אַז אויף דער וואַנט אין וואַלדס וווינונג דירט זיך עפּעס, ווי שוואַרצע שאָטנס וואַלטן געטאַנצט, עס האָט אויסגעזען, ווי עס וואָלט דעמאָנסטרירט געוואָרן אַ פילם. אין דעם טאָג האָט הער וואַלד געהאַט עטלעכע געסט, וועלכע ער האָט פאַרווילט. אַ דינע ווייסע פאָרהאַנג האָט געשטערט צו זען וואָס פאַראַ פילם הער וואַלד האָט געוויזן זיינע געסט.

עטלעכע וואָכן שפּעטער האָבן די צוויי ישראלים באַמערקט, אַז אַ גרופּע נאַציס, וואָס זיי האָבן שוין געקענט, מיט זייערע ווייבער און קינדער, וויזיטירן דעם הער וואַלד. אין קורצן האָט הער וואַלד געוויזן דעם פילם, ווייל אויף דער וואַנט האָבן זיך באַוויזן די באַקאַנטע שוין שאָטנס. כאָטש די דינע ווייסע פאָרהאַנג האָט געשטערט גענוי צו זען, נאָר דאָך האָבן זיי, מיט דער הילף פון דער שטאַרקער לאָרנעט פעסטגעשטעלט, אַז דער פילם, וואָס ווערט דעמאָנסטרירט איז נישט קיין קאָמעדיע, נישט קיין טראַגעדיע און נישט קיין דראַמע. דאָס האָט אויסגעזען ווי פילמירט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. דאָס האָבן זיי פעסטגעשטעלט, ווען די פאָרהאַנג האָט זיך גערירט, מסתמא האָט עמיצער פון די געסט צופעליק פאַרטשעפּעט די פאָרהאַנג. זיי האָבן דאַן געזען עטלעכע פראַגמענטן פון פילם, ווי ס. ס.־לייט מיט רעוואָלווערן, טויטע מענטשן אויף דער ערד, תליות אויף וועלכע מענטשן זענען געהאָנגען.

זיי האָבן ראַפּאָרטירט צום צענטער וועגן דעם מיט אַלע איינצלהייטן און קאָמענטאַרן און דערווייל געוואַרט אויף אינסטרוקציעס פון צענטער.

---

ב. פורמאַנסקי

## אין בונקער

בונקער ווענט, זיי זענען נאַסע,
נישט קיין פענצטער, נישט קיין טיר —
זענען פּנימער דאָרט בלאַסע,
און מיט יאוש אָן אַ שיעור.

איינגעהילטע אין טליתים,
דראַפּען שאָטנס זיך אויף ווענט,
נישט לעבעדיק — און דאָך נישט מתים —
מיט בלוי אָדערדיקע הענט.

שטייט בעל־קורא פאַרן עמוד,
ביי אויסגעבויגענע טריפנדיקע ליכט,
דער פלאַם פון קאָפּשטענדן נר־תמיד —
צאַפּלט אויף זיין פאַרגליווערטן געזיכט.

אויגן פול זענען מיט מורא —
קלאַפּט אַ יעדער זיך על־חטא,
ווי לאַנג נאָך — טייערינקער בורא?
ציטערט זיפץ אין זייער געבעט.

שטייען יידן אין טליתים,
און פאַרברעכן שטאַר די הענט,
שוין אָן כוח פון תעניתים —
שפּאַרן אונטער זיי די ווענט.

אַ מאָנאַט שפּעטער האָט הער בינדער דערהאַלטן אַן אויפפאָדערונג זיך צו שטעלן פאַרן מינכענער קרייז־געריכט אין צוזאַמענהאַנג מיטן ענין וואַלד און אַנקער.

ביי די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען האָט הער בינדער געדולדיק אויסגעהערט דעם באַשולדיקונגס־אַקט. די צוויי אַדוואָקאַטן און די ריכטערס האָבן זיך שטאַרק געוווּנדערט, ווען הער בינדער האָט געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן פאָרשלאַג, אַז ער וועט נישט נאָר אָפּדרוקן אין זיין וואָכנ־שריפט די אויפקלערונג און בעטן אַנטשולדיקונג ביים הער וואַלד און הער אַנקער פאַרן באַשמוצן זיי, ער וועט אַפילו באַצאָלן זיי אַ סימבאָלישן דייטשישן מאַרק יעדן איינעם פאַר די פּסיכישע ליידן, וואָס ער האָט זיי פאַר־שאַפט מיטן אָפּדרוקן דעם אַנאָנימען בריוו פון געוועזע־נעם ס.ס.־מאַן, אָבער אונטער איין באַדינג: אַז די דייטשישע אַמבאַסאַדעס אין די לענדער, וווּ עס וווינען ייִדן זאָלן אַנאָנסירן אין די צייטונגען, ייִדישע און נישט ייִדישע, אַז דאָס קרייז־געריכט פון מינכען זוכט עדות, וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם פּויזנער אַרבעטס־לאַגער. אין פאַל, אַז קיינער וועט זיך נישט מעלדן, אָדער אַן עדות וועט נישט דערקענען די הערן וואַלד און אַנקער, אַלס די ס.ס.־לייט פון פּויזנער אַרבעטס־לאַגער — וועט די אויפקלערונג ווערן אָפּגעדרוקט.

דאָס קרייז־געריכט אין מינכען, אונטער דעם פאָרזיץ פון הער קראַמער, האָט באַשלאָסן, אַז דער פּראָצעס וועט פאַרגעזעצט ווערן, ווען נאָר עס וועט זיך געפינען אַן עדות, וואָס האָט איבערגעלעבט דעם פּויזנער אַרבעטס־לאַגער, וועט זיך מעלדן און דערקענען די הערן וואַלד און אַנ־קער...

דער ריכטער האָט זיך נישט געאײַלט מיטן פּראָצעס און איז געווען זייער סקעפּטיש און אויסגעדריקט צווייפל אין אַ באַשולדיקונג, וואָס האָט זיך באַזירט אויף נישט־אונטערגעשריבענעם בריוו.

עס איז אַדורך אַ שטיקל צייט אין דערוואַרטעניש אויף אַן עדות צום פּראָצעס. דער מינכענער קרייז־געריכט האָט באַקומען אַ מעלדונג פון דער דייטשישער אַמבאַסאַדע אין תּל־אָביב, אַז עס האָט זיך געמאָלדן אַן עדות.

די צוויי הערן וואַלד און אַנקער האָבן דערהאַלטן בריוו פון פאָרזיצער פון מינכער געריכט, אַז אײַנגיכן, ווי נאָר דער עדות, וואָס האָט איבערגעלעבט דעם פּויזנער אַר־בעטס־לאַגער, וועט אָנקומען קיין מינכען, וועט זיי ווערן געמאָלדן, זיך צו שטעלן פאַרן געריכט. דער פאָרזיצער האָט דערביי אונטערגעשטראָכן, אַז די צוויי הערן וועלן חס וחלילה נישט אַרעסטירט ווערן און זיי וועלן שטיין פאַרן געריכט אַלס פרייע בירגער.

★

אין סעפּטעמבער 1976 איז געווען אָפּגעדרוקט אין אַ תּל־אָביבער צייטונג אַ מעלדונג פון דער דייטשישער אַמבאַסאַדע, אַז דאָס קרייז־געריכט פון מינכען זוכט עדות אין אַ פּראָצעס קעגן צוויי געוועזענע ס. ס.־לייט, וואַלד און אַנקער, וואָס האָבן געדינט אין פאַרניכטונג אַרבעטס־לאַגער אין פּויזן, אין פּוילן, און זענען פאַרדעכטיקט אין פאַרברעכערישע טאַטן צווישן די יאָרן 1940 און 1944. פאַראינטערעסירטע ווערן געבעטן זיך צו מעלדן צום סעקרעטאַר פון דער אַמבאַסאַדע, הער האַנס בעכער, צווישן 10 און 12 פאַרמיטאָג, אַ חוץ שבת און זונטיק.

גדליה מיעראָוויטש, שוין נישט קיין יונגער מאַן, שוין אַריבער די זעכציקער מיט גוטע בלויע לאַכנדיקע אויגן, האָט נאָכן איבערלייענען דעם אַנאָנס, האָט זיין פּנים זיך אײַנגעגאַנצן געטוישט. מיטאַמאָל זענען פאַר אים אַרויס־געשווומען בילדער פון דער אַלטער היים, אין טיכאַלאַ, אַ קליין שטעטל נישט ווייט פון פּויזן. אַ הייסער צאַפּל האָט זיך געוואָרפן איבער זיינע הענט, עס האָט אָנגעהויבן מיט אים צו טרייסלען, ווי אין קדחת און אַ קאַלטער שווייס האָט אים באַגאָסן. ווי אַ ווייטער חלום האָט זיך געוועבט אין זיין זכרון זיין פאַרגאַנגענהייט אַזוי ווייט און אַזוי נאָענט.

דאָס בילד פון דעם גורל פון זיין ווייב און קינדער און הונדערטער אַנדערע שרעקלעכע רציחות, וואָס עס איז גאָרנישט פאַראַן אַזאַ מענטש, וואָס זאָל קענען אַלץ באַשרייבן, האָבן זיך פאַרקריצט אין גדליה'ס זכרון אויף אייביק.

דער ווילן צו לעבן האָט געטליעט אין יעדן איינעם פון די ייִדן ביז די מינוטן פון זייערע מאַטערנישן. עס איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרוּוו צו אַנטלויפן און עס איז געלונגען אַ גרופּע ייִדן זיך אַרויסצורייסן פון לאַגער.

דעם פּלאַן צו אַנטלויפן האָט אויסגעאַרבעט גדליה אַליין. און דאָס איז געווען פּלאַנירט דווקא ביי טאָג, ווייל די וואַך האָט מער געהיטן ביי נאַכט.

★

צוויי יונגע ישׂראלים, נאַצי־יעגערס, וואָס האָבן גע־אַרבעט פאַרן ברוך ראָזענטאַל־צענטער, האָבן זיך פאַראינ־טערעסירט מיט די צוויי הערן וואַלד און אַנקער, דער־מאָנטע אין דעם אַנאָנימען בריוו, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער וואָכנשריפט „די וואַרהייט". דער בריוו האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם נישט בלויז אין מינכען, נאָר אויך אויסער מינכען.

די צוויי נאַצי־יעגערס, אשר און דוד, האָבן זיך אויס־געצייכנט אין צענטער מיט דערפאָלג אויסצוגעפינען מאַסן־מערדערס, וואָס האָבן זיך געלעבט אַ רואיק לעבן אין די גרויסע דייטשישע שטעט, פאַרנומען הויכע רעגירונגס־פּאָסטנס, אויך גרויסע ביזנעס־לייט, אַפילו געלערנטע, וועלכע האָבן געפירט אַ בכבודיק פאַמיליע־לעבן און געווען רעגולערע באַזוכערס אין זייערע קירכעס.

דעם דערפאָלג האָבן די צוויי ישׂראלים געהאַט צו פאַרדאַנקען זייער אויסערגעוויינלעכן נישט־ייִדישן אויס־זען און זייער גוטע קענטעניש פון דער דייטשישער שפּראַך. זיי זענען ביידע געווען בלאָנדע מיט בלויע אויגן. זיך גוט אויסגעלערנט די דייטשישע מאַניערן און אין זייער אויפפירונג איז געווען אַזעלכעס וואָס עס פאָדערט זיך פון דערפאַרענע, גוטע נאַצי־יעגערס.

זיי, די ס. ס.־לייט און זייערע געהילפן, האָבן געפּייניקט די אַרעסטאַנטן מיט גרויס הנאה און פאַרגעניגן. מיר דוכט זיך, אַז אין דייטשלאַנד זענען געווען ספּעציעלע שולן פון לערנען פּייניקן מענטשן, ווייל כ׳קען נישט פאַרשטיין פון וואַנען נעמט זיך צו מענטשן אַזאַ חיהשקייט?

אין פּויזנער לאַגער האָבן געדינט 2 ס. ס.־לייט, וועגן וועלכע איך וויל שרייבן אין דעם בריוו און זיי לעבן היינט פראַנק און פריי אין מינכען. די צוויי הערן האָבן אַלץ געטאָן נישט אַרויסצוווייזן קיין צייכן פון מענטשלעכקייט. פאַרקערט, זיי האָבן געשטרעבט איבערצושטייגן אַנדערע אין אכזריות.

זיי זענען היינט זייער געערטע און הויך־געשעצטע בירגער אין מינכען, געאַכטעט אין די געזעלשאַפטלעכע קרייזן און אָנגענומען ווי די סאָציאַלע סמעטענע.

די צוויי געערטע הערן וועל איך אָנרופן מיט זייערע נעמען און באַרוף, אַז קיינער זאָל נישט צווייפלען אין זייער אידענטיטעט: איינער, דאָקטאָר וואַלטער וואַלד, וואָס איז היינט אַ דירעקטאָר פון א פּסיכיאַטרישער קליניק, האָט געדינט אין פּויזנער אַרבעטס־לאַגער אין ראַנג פון אונטערשטורמפירער. דער צווייטער איז אַלבערט אַנקער, אַ דירעקטאָר פון אַ דעפּאַרטמענט אין אויסערן־מיניסטעריום, אויך געווען אין זעלבן ראַנג, וואָס זיין קאָלעגע.

די צוויי ס. ס.־לייט האָבן געהאַט איין זאַך אין זינען: אויסצוגעפינען נייע אופנים פון פּייניקן, שלאָגן, שיסן און הענגען זייערע קרבנות. איך האָב געזען ווי זיי האָבן אַוועקגעריסן קליינע קינדער פון דער מאַמעס ברוסט און צעשמעטערט זייערע קעפּלעך אין דער וואַנט און שפּעטער געשאָסן די מאַמעס.

זיי האָבן מערדערלעך געשלאָגן אַרעסטאַנטן און שפּעטער געהייסן זיי מאַכן גימנאַסטיק ביז זיי זענען געפאַלן אָן באַוווסטזיין. איך האָב געזען ווי די צוויי הערן, וואלד און אַנקער, האָבן אויסגעקליבן פּאַציענטן פאַר פענאַל־איינשפּריצונגען אין האַרצן.

איך האָב געזען ווי זיי האָבן אָנגעטאָן גומענע הענטשקעס און גומענע פאַרטעכער און ווי זיי האָבן געהאַלטן דעם שפּריצער אין האַנט און געהייסן די אַרעסטאַנטן זיך אויסטאָן. איך האָב געזען ווי מ׳האָט די טויטע אַרויסגעטראָגן. צו פאַרווילן זיך האָבן זיי געשאָסן אַרעסטאַנטן פון אַ באַראַק אין דער צייט פון ציילן אין דרויסן.

איך וואָלט געקענט איבערגעבן הונדערטער פאַקטן צו שילדערן אַלע סאַדיסטישע מעשים, וואָס די צוויי היינטיקע „נאָבעל־הערן" האָבן זיך דערלויבט. פאַקטן, וואָס קענען פאַרגליווערן דאָס בלוט.

די צוויי מערדערס זענען אויך געווען ליידנשאַפטלעכע פאָטאָגראַפיסטן. אַלע זייערע פאַרברעכערישע מעשים האָבן זיי פאָטאָגראַפירט און פילמירט מיטן צוועק צו שענקען א מתנה אויב נישט דעם פירער, זאָל שוין זיין הימלערן, צו ווייזן ווי אַזוי זיי האָבן אויסגעפירט אין דער פּראַקטיק, רעאַליזירט דעם פירערס ווילן צו לייזן די יידן־פראַגע. איך בין זיכער, אַז ערגעץ־ווו וועט זיך זיכער געפינען דורך אַ נס אַ לעבעדיקער עדות, וואָס האָט אַדורכגעמאַכט דעם פּויזנער אַרבעטס־לאַגער, וואָס וועט באַשטעטיקן דאָס, וואָס איך האָב אין מיין בריוו געשריבן און אפשר איבערגעבן מער פּרטים וועגן די צוויי מערדערס, וואַלד און אַנקער, און זיי ברענגען פאַר אַ געריכט.

איך שווער פאַר מיין טויט, אַז אַלץ וואָס איך האָב באַשריבן איז ריכטיק.

איך ענדיק מיין בריוו מיט דער האָפענונג, אַז דאָס דייטשישע פאָלק וועט זיך אינגאַנצן באַפרייען פון די רעשטלעך עפּידעמיע, וואָס דעם משוגענעם פאַראַנאָיקער, היטלערן איז געלונגען צו פאַרסמען מיט האַס קעגן יידן.

מיט הויכאַכטונגסוואָל,

דער פאַרשטאָרבענער געוועזענער ס.ס.־מאַן.

★

צוויי וואָכן נאָכן אָפּדרוקן דעם בריוו האָט דער רעדאַקטאָר פון דער וואָכנשריפט „די וואַרהייט" דערהאַלטן צוויי בריוו, כמעט מיטן זעלבן אינהאַלט. זייער פריינטלעך, ווי נאָר דייטשן קענען שרייבן, מיט א ווענדונג צום רעדאַקטאָר הער בינדער. דאָס זענען געווען בריוו פון די הערן וואַלד און אַנקער. זיי שרייבן, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אַנאָנימען בריוו פון געוועזענעם ס. ס.־מאַן, וועגן אַ געוויסן וואַלטער וואַלד און אלבערט אַנקער, האָבן זיי גאָרנישט צו טאָן דערמיט און האָבן נישט קיין שום געמיינזאַמס מיט די צוויי פערזאָנען דערמאָנטע אין יענעם בריוו אַלס נאַציס און מערדערס. די צוויי הערן האָפן, אַז אַזאַ אויפקלערונג וועט קלאָר מאַכן דאָס מיספאַרשטענדעניש און דער טעות וועט זיין אויסגעבעסערט.

הער בינדער האָט נישט אָפּגעדרוקט די געגעבענע אויפקלערונג און אַפילו נישט געמאָלדן די דערמאָנטע צוויי הערן, אַז ער האָט פון זיי דערהאַלטן קאָרעספּאָנדענץ.

צוויי וואָכן שפּעטער האָט דער רעדאַקטאָר דערהאַלטן א בריוו פון אַן אַדוואָקאַט, וואָס האָט רעפּרעזענטירט דעם הער וואַלטער וואַלד און כמעט דעם זעלבן בריוו פון אַדוואָקאַט, וואָס האָט רעפּרעזענטירט הער אַלבערט אַנקער, אין וועלכן זיי האָבן זייער פריינטלעך געבעטן דעם הער רעדאַקטאָר, אַז ער זאָל פאַרעפנטלעכן אין זיין פאָפולערער וואָכנשריפט אַן אויסבעסערונג, אַז זייערע קליענטן האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט יענע וואַלטער וואַלד און אַלבערט אַנקער, וואָס זענען דערמאָנט אין דעם אַנאָנימען ס. ס.־מאַנס בריוו, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין דער וואָכנשריפט „די וואַרהייט".

די צוויי אַדוואָקאַטן האָבן זייער פריינטלעך געוואָרנט און נאָך מער פריינטלעך געדראָט דעם רעדאַקטאָר, אַז טאָמער וועט ער נישט אָפּדרוקן די אויפקלערונג אין צוויי וואָכן, וועט ער דאָס טאָן דורכן געריכט און ער וועט נאָך דאַרפן באַצאָלן געזעצלעכע קאָסטן.

דער רעדאַקטאָר, הער בינדער, האָט איגנאָרירט די צוויי בריוו און זיך נישט וויסן געמאַכט, אַז ער האָט זיי דערהאַלטן, כאָטש די בריוו זענען געשיקט געוואָרן מיט רעגיסטרירטער פּאָסט.

לעאָן אַלשינאַ

# פּרינץ לודוויק שטראַסע 17

(פראַגמענט פון אַ דערציילונג)

אין אַ דייטשישער וואָכנשריפט אין מינכען, „די וואָרהייט“, איז אין מאַי 1976, געווען אָפּגעדרוקט אַ בריוו. ס'האָט אים געשריבן אַ געוועזענער ס. ס. מאַן, וואָס האָט געדינט אין דער צייט פון דער 2־טער וועלט־מלחמה אין אַן אַרבעטס און פאַרניכטונגס לאַגער אין פּויזן, פּוילן.

דער בריוו האָט געשילדערט דאָס לעבן און טויט פון טויזנטער יידישע מענער, פרויען און קינדער אין די לאַגערן.

קיין אונטערשריפט איז נישט געווען אונטערן בריוו, ווייל דער מחבר האָט מורא געהאַט, אַז די געוועזענע ס. ס.־לייט און קריגס־פאַרברעכערס אין היינטיקן דייטשלאַנד, וואָס לעבן זיך פראַנק און פריי, זאָלן זיך נישט נוקם זיין אין זיין פאַמיליע.

נאָר נאָך זיין טויט, האָט געבעטן דער אַנאָנימער בריוו־שרייבער, זאָל מען שיקן דעם בריוו אין רעדאַקציע. וואַרשיינלעך האָט אים דאָס געוויסן נישט געגעבן קיין רו.

דער רעדאַקטאָר פון דער וואָכנשריפט „די וואָרהייט“, הער בינדער, האָט מיט גרויס פאַרגעניגן פאַרעפנטלעכט דעם אַנאָנימען בריוו. ער, פערזענלעך, האָט געהאַט אַן אַלטן חשבון מיט די נאַציס, וועלכע האָבן אים געהאַלטן אין בוכנוואַלדער קאָנצענטראַציע־לאַגער דריי יאָר. אים געפיניקט, ביז די אַמעריקאַנער האָבן אים באַפרייט.

דער דאָזיקער בריוו האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם אין דער דייטשישער פרעסע און צערודערט די געזעלשאַפטלעכקייט. די פאַקטן, וואָס דער געוועזענער ס. ס.־מאַן האָט געשילדערט אין בריוו, זענען געווען אַזוי שוידערלעך און שרעקלעך, אַז אַפילו די דייטשן וואָס זענען שוין געווען צוגעוווינט צו די אויסגערעכנטע ברוטאַליטעטן, וואָס די נאַציס האָבן פּראַקטיצירט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אויך נאָך דעם אוישוויצער פּראָצעס פון די 26 פאַרברעכער — זענען אויפגעשוידערט געוואָרן.

עס איז אויך געווען אויסערגעוויינלעך דערמיט, וואָס דער מחבר פון בריוו האָט אָנגערופן ביי די נעמען 2 געוועזענע ס.ס.־לייט, וועלכע האָבן געדינט צוזאַמען מיט אים אין איינהייט אין פּויזנער קאָנצענטראַציע־לאַגער. און אַזוי איז געשטאַנען אין בריוו:

געהערטער הער בינדער.

אין די ערשטע שורות פון מיין בריוו וויל איך אונטערשטרייכן, אַז דער פאַקט אַליין, וואָס איך האָב זיך געפונען אין פּויזנער אַרבעטס־לאַגער און דאָס וואָס איך האָב געזען אין די עטלעכע חדשים פון מיין דינסט, האָט מיך געפּלאָגט איבער דרייסיק יאָר. איצט שרייב איך דעם בריוו, כדי זיך צו באַפרייען פון דעם קאָשמאַר, וואָס האָט מיך פאַרפאָלגט אין מיין גאַנצן נאָך מלחמהדיקן לעבן. אַנטשולדיקט מיר, הער רעדאַקטאָר, פאַרן נישט אונטערשרייבן מיין נאָמען אינעם בריוו, דאָס איז דערפאַר ווייל איך וויל נישט שטעלן אין געפאַר מיין פאַמיליע, אַז די נאַציס זאָלן זיך אין זיי נוקם זיין.

איר וועט דעם בריוו באַקומען נאָך מיין טויט.

איך בין געווען מאָביליזירט אין דער ווערמאַכט אין 1940 און מ'האָט מיך גלייך איבערגעפירט אין אַ ס. ס.־אָפּטיילונג, געשיקט מיך דינען אין פּויזנער קאָנצענטראַציע־לאַגער ווו איך האָב געהאַט צו טאָן מיט אַרעסטאַנטן, וואָס מ'האָט מיר געזאָגט, אַז זיי זענען שונאים פון דייטשישן פאָלק.

איך וויל שילדערן איינצלהייטן וועגן די באַדינגונגען אין וועלכע די אַרעסטאַנטן האָבן געלעבט: אַלס רעזולטאַט פון די באַרבאַרישע סאַניטאַרע באַדינגונגען, הונגער, שווערע אַרבעט און פייניקונגען זענען די אַרעסטאַנטן געשטאָרבן נאָך אַ מאָנאַט אָדער צוויי, נאָכן אָנקומען אין לאַגער. אַפילו פרויען זענען געווען געצוווּנגען צו אַרבעטן שווער ווי טראָגן שטיינער און גראָבן קאַנאַלן.

אין פּויזנער אַרבעטס־לאַגער זענען נישט געווען קיין גאַז־קאַמערן און קיין קרעמאַטאָריעס. די אַרעסטאַנטן־יידן האָט מען געשאָסן אויסערן לאַגער און זיי באַגראָבן אין מאַסן־קברים צוזאַמען מיט די געהאָנגענע אין לאַגער.

איך בין זיכער, אַז ביי 20 טויזנט יידן האָבן די ס. ס. אומגעבראַכט אין די עטלעכע חדשים, וואָס איך האָב דאָרטן געדינט. איך, פערזענלעך, האָב נישט אָנטייל גענומען אין די מאַסאַקרעס. איך האָב זיך אַרויסגעדרייט מיט פאַרשידענע תרוצים. און אַפילו געהאָלפן די אומגליקלעכע קרבנות מיט עסן. די אויסגעהונגערטע, אויסגעדאַרטע פּנימער שטייען מיר נאָך איצט פאַר מיינע אויגן, ווען איך שרייב די ווערטער.

מיינע „קאָלעגן“, די ס. ס.־לייט, האָבן מיך געהאַסט, זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז מ'האָט מיך געשיקט אַהער, אין דעם לאַגער נישט צו פאַרווילן זיך, נאָר צו שיסן און הענגען יידן.

דער קאָמענדאַנט פון לאַגער, אַ שטורמבאַנפירער, האָט אָנערקענט, אַז איך בין נישט גענוג איבערגעגעבן דעם דייטשישן פאָטערלאַנד און היטלערן אין פאַרווירקלעכן דעם פירערס ווילן צו פאַרניכטן די יידן. ער האָט ראַפּאָרטירט וועגן מיר קיין בערלין. מ'האָט מיך אָפּגערופן פון לאַגער און אַוועקגעשיקט קיין האָלאַנד.

אין דעם לאַגער האָבן געדינט 60 ס. ס.־לייט און דריי מאָל אַזוי פיל אוקראַאינישע און ליטווישע העלפערס, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין גרויסער ברוטאַליטעט, אַבי נישט צו בלייבן הינטערשטעליק פון זייערע באַלעבאַטים.

קוקט מיט פֿאַרשטאָכענע אויגן,
אַראָפּ צו פֿאַרשאָלטענער ערד,
ווו ס׳וויינען טויטע קינדער,
און זיידעס מיט גרויע בערד.

ווו ס׳וויינען טויטע מאַמעס
מיט פֿאַרבראָכענע הענט,
און טאַטעס — אַזוי פֿיל טאַטעס,
אַלע פֿאַרברענטע, פֿאַרברענט.

און ס׳לויפֿן די טויטע טאַטעס,
באַגאָסן מיט מתים שוויס,
זוכן די פּיצעלעך קינדער,
קינדער דערשטיקטע ווי מייז.

קינדערלעך, קינדערלעך, קינדער,
זונען פֿון ליכטיקן מאָרגן,
מיט פֿרישע זאַפּטיקע ליפּעלעך,
ווי מייז האָבן גויים דערוואָרגן.

גויים פֿון דייטשלאַנד, פֿון פּוילן,
גויים פֿון אַלע וועלטן,
אָ גאָט! ווו נעמט מען אַ קללה,
וואָס זאָל זיי אויף אייביק פֿאַרשעלטן.

— ג —

נאָר קומען וועט אַזאַ נאַכט,
ס׳וועט די ערד זיך פֿון אימה צעשרייען,
און ס׳וועלן אַרויס פֿון אָשוויענטשים
טויטע רייען נאָך רייען.

מחנות פֿון טויטע אין רייען,
געשלאָסן אַן אָרעם אין אָרעם,
אַזוי ווי אַ כמאַרע פֿון צאָרן,
וואָס טראָגט אַ פֿאַרביטערטן שטורעם.

און אַ בליץ וועט דורכשניידן דעם חושך,
ווי אַ רויטער חלף פֿון גוואַלד,
און באַלד וועט אַ מוראדיק פֿייער,
אויף שפּענער צערייסן דעם וואַלד.

און ברענען וועלן די פֿעלדער,
די שטעט, די גאַסן, די הייזער,
ביז אַלץ וועט דאָ ווערן פֿאַרשרפֿעט,
און ס׳וועט ניט זיין קיין דערלייזער.

דאָ וועט ניט זיין קיין דערלייזער,
אָשוויענטשים האָט ניט קיין רעטער,
נאָר פֿלאַמען פֿון ווילדע מכשפֿות,
מיט פֿייער צונגען פֿון שפּעטער...

— ד —

און וויסט וועט ווערן אָשוויענטשים,
וויסט ווי אַ פּוסטער סטעפּ,
דאָ וועלן נאָר וואַקסן ביינער,
פֿון שאַרבנס פֿון יידישע קעפּ.

דאָ וועלן נאָר וואַקסן ביינער,
פֿון מאַמעס פֿאַרבראָכענע הענט,
פֿאַרקלאַמערט מיט פּיצעלעך קינדער,
קינדער דערשטיקטע, פֿאַרברענט.

קינדערלעך, קינדערלעך, קינדער,
זונען פֿון ליכטיקן מאָרגן,
מיט שוואַרצע צעפּינקלטע אויגעלעך,
ווי מייז האָבן גויים דערוואָרגן.

גויים פֿון דייטשלאַנד, פֿון פּוילן,
גויים פֿון אַלע וועלטן,
אָ! ניטאָ, ניטאָ אַזאַ קללה,
וואָס זאָל די רציחה פֿאַרשעלטן.

נאָר אַ בראָך וועט קומען פֿון הימל,
מיט בלוט צו פֿאַרשאָלטענער ערד,
ווו ס׳האָבן רחמים געבעטן זיך קינדער,
און זיידעס מיט גרויע בערד.

ווו ס׳האָבן רחמים געבעטלט מאַמעס,
מיט אַ לעצטן פֿאַרשטיקטן געשריי
און אַ וועלט האָט געקוקט און געשמייכלט,
ווינד איז מיר, ווינד איז מיר, וויי.

— ה —

אין אָשוויענטשים ניטאָ מער קיין בלומען
פֿון אַש. דאָ שפּילן זיך קינדער.
אַ מאַמע אין אַ שוואַרצער פּאַטשיילע,
זיצט אייביקע שבעה אַצינדער.

די נאַכט האָט דעם טאָג דאָ פֿאַרשלונגען,
דאָס פֿעלד פֿון שוידער ליגט קאַלט,
ווי שוואַרץ אָפּגעברענטע מצבות,
שטאַרן די פּיענקעס אין וואַלד.

אין הימל פֿון רויך הענגט אַ חופּה,
עמלקס שחיטה מתנה,
און ס׳קוקט דורך אַ וואָלקן אַ זאַטע
פֿון בלוט — אַ רויטע לבנה...


★ די נייעסטע יידישע ביכער;
★ יידישע צייטונגען און זשורנאַלן
פֿון פֿאַרשידענע לענדער — צו באַקומען
אין דער „קדימה"-ביבליאָטעק

ניין. ס'איז נישט פול. עס איז געגאַנגען א צוזאַמענגעדריקטע מאַסע, אונטערגעיאָגט מיט נאַהייקעס.

„פּלוצים האָט דער ימח־שמוניק מיעטשיסלאַוו שמערלינג (אויף וועלכן די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט אַרויסגעטראָגן אַ טויט־אורטייל) געגעבן אַ באַפעל צו פירן די אינטערנאַטן. דעם צוג האָט געעפנט קאָרטשאַק. דאָס בילד — שרייבט רעמבא — וועל איך קיין מאָל נישט פאַרגעסן. דאָס איז געווען א שטילער פּראָטעסט קעגן די באַנדיטן. אַזאַ מאַרש האָט מען קיין מאָל אין לעבן נישט געזען: קאָרטשאַק מיט צוויי אויפגעהויבענע אויגן, האָט געהאַלטן צוויי קינדער פאַר די הענטלעך. די צווייטע אָפּטיילונג האָט געפירט ווילטשינסקאַ, די דריטע — באַרטוניאַנסקאַ, אירע קינדער מיט בלויע פלעצאַקעס. די פערטע אָפּטיילונג — שטערנפעלד פון דעם אינטערנאַט אויף טוואַרדע. אַפילו די אָרדענונגס־דינסט (די יידישע פּאָליציי) האָט זיך געשטעלט „אויף אַכטונג". דערזעענדיק קאָרטשאַקן, האָבן די דייטשן געפרעגט: „ווער איסט דער מאַן"?

„איך האָב מער נישט געקענט אויסהאַלטן — שרייבט רעמבא — טרערן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פון מיינע אויגן. איך האָב באַהאַלטן דאָס פּנים אין די הענט. עס האָט מיך אַדורכגענומען א טיפער שמערץ, אַז מיר זענען אַזוי הילפלאָז, אַז איך קען גאָרנישט טאָן, נאָר שטיין הילפלאָז און זיך צוקוקן צו דעם שענדלעכן מאָרד".

און אַז מען רעדט שוין וועגן די זאָרגן פאַרן יידישן קינד אין די באַדינגונגען פון שרעקלעכן הונגער אין די געטאָס, דאַרף מען דערמאָנען די וויסנשאַפטלעכע קאָמיסיע, געשאַפן אין געטאָ אונטער דער פירונג פון ד"ר ישראל מילייקאָווסקי, (אין די יונגערע יאָרן האָט ער מיטגעאַרבעט מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי „פּאַר־איינקייט"). די דאָזיקע קאָמיסיע איז געשאַפן געוואָרן נאָך אין נאָוועמבער 1941. צו איר האָבן געהערט דער דירעקטאָר פון געטאָ־שפּיטאָל ד"ר י. שטיין, די שוין דערמאָנטע ד"ר אַנאַ ברוידא־העלער, ד"ר י. פלידערבוים און ד"ר עמיל אפּפּעלבאַום. די דאָזיקע קאָמיסיע האָט געאַרבעט אין די סאַמע טראַגישסטע באַדינגונגען און אין אָקטאָבער 1942 (דערמאָנט זיך: שוין נאָך דער גרויסער אויסזידלונג) האָבן זיי רעדאַגירט די אָנגעשריבענע אָפּהאַנדלונגען וועגן דער ווירקונג פון הונגער אויף דעם יידישן קינד אין געטאָ. זיי האָבן געאַרבעט ביז יאַנואַר 1943, ביז דער צווייטער אַקציע. דעם 18־טן יאַנואַר 1943 זענען די יידישע דאָקטוירים געטריבן געוואָרן דורך די ס. ס. באַנדיטן צום אומשלאַג־פּלאַץ. עס זענען דאָ געווען כמעט אַלע יידישע דאָקטוירים. ד"ר מילייקאָווסקי האָט געהאַלטן א רעדע און גערופן אַלעמען צו גיין מוטיק צום טויט. ער אַליין און זיינע נאָענטסטע האָבן אָבער באַשלאָסן נישט צו גיין אין די וואַגאָנען. זיי האָבן זיך געהאַט צוגעגרייט איינשפּריצונגען פון מאָרפין. פרוי ד"ר סירקין־בינשטיין האָט איינגעשפּריצט ד"ר מילייקאָווסקין די מאָרפין און איניקע אַנדערע דאָקטוירים און צום סוף — זיך אַליין א שטאַרקע דאָזע מאָרפין.

יעקב ראָזענבערג

# אָשוויענטשים

— א —

אין אָשוויענטשים וואַקסן איצט בלומען,
אין א גאָרטן שפּילן זיך קינדער,
א מאַמע אין א ווייסע פאַטשיילע,
דערציילט זיי מעשהלעך ווונדער.

דער טאָג האָט זיין יוגנט פאַרלוירן,
פון פעלד טרייבט א פאַסטעך זיין פי,
די זון א זאַטע פון שטראַלן,
גוססט אין אייגענעם גלי...

דער הימל — א צעשטערנטע חופּה,
גאָטס ליכטיקע אָוונט מתנה,
און ס'וויגט זיך אויף טונקעלע כוואַליעס,
א גילדענע שיף — די לבנה...

— ב —

נאָר דאַן ווען ס'פאַלט צו די נאַכט,
ווי א שוואַרצער יאָר אויפן פעלד,
ווען לבנה — די אַלטע מכשפה,
קוקט דורך אַ וואָלקן פאַרשטעלט.

---

דאָס קאָלעקטיווע וויסנשאַפטלעכע ווערק פון די יידישע דאָקטוירים איז געוואָרן איבערגעגעבן דעם באַקאַנטן פּוילישן מעדיקער פּראָפ. וויטאָלד אָרלאָווסקי, פון דער אוניווערסיטעט־קליניק, וועלכער האָט די מאַנוסקריפּטן איבערגעגעבן די לעבן געבליבענע יידישע דאָקטוירים נאָך דער מלחמה.

אָט די פאָרש־אַרבעט פון 25 יידישע מעדיקער, פון 265 זייטן, איז דערשינען אין יאָר 1946, נאָך דער מלחמה, דורכן „דזשאָינט".

עס שטעלט זיך פאַר אונדז די שווערע אויפגאַבע: צי וועלן מיר זיין אין שטאַנד איבערצוגעבן אונדזערע קינדער און אייניקלעך די דאָזיקע טראַגישע בילדער פון דער אויסראָטונג פון א פאָלק?

מיר וועלן אַלע מאָל און שטענדיק געדענקען די טויזנטער שטילע יידישע העלדן וועלכע האָבן אין די שווערסטע טעג פון אונדזער מאַרטיראָלאָגיע נישט פאַרלאָזן זייערע קינדער און געטאָן דאָס סאַמע אוממעגלעכסטע זיי צו ראַטעווען פון די היטלער־מערדער. אַז דאָס האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן איז נישט זייער שולד, נאָר די חרפּה פון דער געוויסנלאָזער וועלט וועלכע האָט צו אָט דער שאַנדע דערלאָזט און גאָר נישט געטאָן כדי אונדז צו העלפן אין אונדזער עת־צרה.

קלעפּפּיש), אַדוו. לאָוטענבערג, ראָמאַנאַ ווישניעווסקאַ, די לערערין לובלינער, ישראל ליכטענשטיין און זיין פרוי די מאָלערין געלאַ סעקשטיין; סטעפאַניאַ שוויגער, דער פּעדאַגאָג ד״ר טאָוובענשלאַג, לאה און רענאַ שפּאַצענקאָפּ (פון „מאָרגנשטערן״), מינאַ אַבעלמאַך, די לערערין מושאַן (פון פּלאָנסק), עאוגעניוש ברוידע, און הונדערטער אַנדערע. עס איז נישט מעגלעך אויסצורעכענען די אַלע נעמען וועלכע איך האָב געפונען אין דער חורבן־ליטעראַטור און וועלכע זענען מיר באַקאַנט. וועגן פיל פון זיי וואָלט איך געקענט דערציילן פיל אינטערעסאַנטע זאַכן ווי למשל די דאָקטאָרין ראָזענבלום־שימאַנסקאַ, וועלכע האָט איבערגעלעבט אויף דער אַרישער זייט אין א קלויסטער און האָט נאָך דער מלחמה אַרויסגעגעבן א בוך פון אירע איבערלעבונגען אין פאַרלאַג „פּאַקס״, באָלעסלאַוו פּיאַסעצקיס קאָמוניסטיש־קאַטוילישן פאַרלאַג, אַ סימן אַז זי האָט זיך געהאַט געשמדט.

אָבער איך וויל ספּעציעל דערמאָנען די דאָקטאָרין ד״ר אַנאַ ברוידאַ־העלער, וועלכע איך האָב באַקענט נאָך אין יאָר 1919. א נידעריקע שוואַרץ־חנוודיקע פרוי מיט האָר פאַרקעמט אַרויף, האָט זי געשפּרודלט מיט ענערגיע נישט נאָר אַלס גוטע קינדער־דאָקטאָרין, נאָר זי האָט זיך אויסגעצייכנט אויפן געביט פון געזעלשאַפטלעכער מעדיצין. זי איז געווען די גרינדערין פון דער געזעלשאַפט „קראָפּליאַ מלעקאַ״, צו באַזאָרגן דעם יידישן קינד מיט היגיענישע מילך און נישט באַדאַרפן אָנקומען צו די אומסאַניטאַרע געוועלבלעך אין דער יידישער געגנט. זי איז אויך געווען די גרינדערין פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. פאַר דער מלחמה איז זי געווען די דירעקטאָרין פון יידישן קינדער־שפּיטאָל א״נ בערסאָן און באַומאַן אויף שליזקע גאַס. ווען אָט דער קינדער־אַנשטאַלט איז דורך די דייטשן געשלאָסן געוואָרן, איז זי געוואָרן פאַרוואַלטערין פון שפּיטאָל אויף גענשע 8. עס איז געקומען די באַרימטע געשיכטע מיט טיילן נומערלעך, וועלכע מען האָט צייטווייליק געלאָזט לעבן. דער שפּיטאָל האָט געקראָגן 18 נומערלעך און אין פּערסאָנאַל האָבן זיך געפונען הונדערט מענטשן, פאַרשטייט זיך, מיט קרובים וועלכע האָבן זיך אַריינגעקראָגן אַהין. ווער זאָל טיילן די נומערלעך? נאָר די דאָקטאָרין אַנאַ ברוידאַ־העלער, זי וועט טיילן יושרדיק... זי האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן: ווי קען מען טיילן יושרדיק 18 נומערלעך פאַר 100 מענטשן? לסוף האָט זי אונטערן דרוק פון עולם מסכים געווען צו טיילן. וואָס האָט זי געטאָן? זי האָט פאַנאַנדערגעטיילט די 18 נומערלעך און אַליין איז זי אַוועק אויפן אומשלאַג־פּלאַץ. אָט די געשיכטע האָט לעצטנס באַשריבן אין אַ פּוילישן זשורנאַל אין פּאַריז די טאָכטער פון ד״ר אַלעקסאַנדער מאַרגאָליס פון לאָדזש, וועלכע איז אויך געווען אין דעם שפּיטאָל צוזאַמען מיט איר מוטער. דער נאָמען פון דער העלדין ד״ר אַנאַ ברוידאַ־העלער איז אַריין אין דער געשיכטע פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע ווי אַן אַנאָנימע העלדין. איר זון, אַ דאָקטאָר, לעבט היינט אין שוועדן.

איך האָב זיך גענוג אָנגעלייענט אין דער חורבן־ליטעראַטור וועגן הונדערטער און טויזנטער אַנאָנימע העלדן וועלכע וועלן פאַרשווינדן אין דער געשיכטע. נאָר איינצלנע זענען זוכה צו פאַראייביקונג פון זייערע נעמען.

איינע פון זיי איז געוויס אַנאַ פראַנק, וועמענס אָפּגעפונענער טאָגבוך האָט זי געמאַכט אומשטערבלעך. זי וועט בלייבן א סימבאָל פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע צוליב איר טאָגבוך. אַ בעלעטריסטישע באַשרייבונג פון אירע איבערלעבונגען אין דעם באַהאַלטענעם לעבעדיקן קבר אין דער האָלענדישער שטאָט אַמסטערדאַם.

און נאָך אַ סימבאָל האָט מיר געקראָגן, וואָס איז אויך פאַרבונדן דווקא מיט ליטעראַרישע דערפאָלגן. ווער ווייסט עס היינט, אַז ד״ר יאַנוש קאָרטשאַק איז געוואָרן א באַרימטער פּוילישער שרייבער נאָך איידער ס׳איז אים באַשערט געווען צו מאַרשירן בראש מיט זיינע קינדער אין די טויטן־וואַגאָנען אַריין?

ד״ר יאַנוש קאָרטשאַק האָט נאָך מיט צוואַנציק יאָר פריער אָנגעשריבן זיין באַרימט ביכל „מאָשקי יאָשקי אי סרוליע״, וואָס האָט אים באַרימט געמאַכט אין דער פּוילישער ליטעראַטור, און מעג עס היינט אפשר קלינגען מאָדנע, אָבער ער האָט זיך געהאַט דערוואָרבן אַן אָנגעזעענעם נאָמען אין דער פּוילישער שרייבער־וועלט. געוויס דאַרפן מיר אים אָפּגעבן דעם פאַרדינטן כבוד, ער האָט אַרויסגעוויזן א שטאַרקן כאַראַקטער און גרויסן מאָראַלישן מוט. מיט אָט די אייגנשאַפטן האָט ער אָנגעשטעקט זיינע לאַנג־יאָריקע מיטאַרבעטער: סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ, וועלכע האָט נישט אָפּגעטרעטן פון קאָרטשאַקן אויף קיין איין מאָמענט און אים געהאָלפן העלפן דעם יידישן קינד.

אָט וואָס עס שרייבט וועגן קאָרטשאַקס מאַרש מיט די קינדער צו די וואַגאָנעס דער געוועזענער סעקרעטאַר פון דער וואַרשעווער קהילה נחום רעמבאַ:

„עס איז געווען אַ טאָג וואָס האָט מיך אין גאַנצן דערשלאָגן — עס איז פאָרגעקומען די בלאָקאַדע פון קליינעם געטאָ. מען האָט אונדז סיגנאַליזירט אַז מען פירט די פלעגערינס־שול, די אַפּטייק, קאָרטשאַקס יתומים־הויז, די אינטערנאַטן אויף שליזקע און טוואַרדע און א סך אַנדערע. איך האָב די קינדער פון די אינטערנאַטן אַוועקגעשטעלט ביים סוף פּלאַץ ביי דער מויער. איך האָב געהאָפט אַז אפשר וועט זיי געלינגען אָפּצוראַטעווען דעם נאָכמיטאָג און איבערהאַלטן ביזן צווייטן טאָג. איך האָב פאָרגעלייגט קאָרטשאַקן צו גיין מיט מיר אין דער גמינע כדי צו ווירקן אויף איר זי זאָל אונטערנעמען אַן אינטערווענץ. ער האָט אָפּגעזאָגט, ער האָט נישט געוואָלט לאָזן די קינדער אויף א מאָמענט. עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס לאַדעווען אין די וואַגאָנעס קיין טרעבלינקע. איך בין געשטאַנען ביים שפּאַליער פון דער אָרדענונגס־דינסט (די יידישע פּאָליציי). איך בין געשטאַנען און מיט האַרץ־קלאַפּעניש אָבסערווירט צי מיין פּלאַן וועט געלינגען. איך האָב כסדר געקוקט צו די וואַגאָנען: זענען זיי שוין פול?

הערשל באַכראַך

# זיי זענען געגאַנגען מיט די קינדער...

**(צום 42טן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ)**

די יידישע קינדער זענען געווען די ערשטע קרבנות פון דער היטלעריסטישער אויסראָטונג־פּאָליטיק לגבי יידן. עס איז אפשר סימבאָליש, אַז די ערשטע באָמבעס דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939, פון די היטלעריסטישע אַעראָפּלאַנען זענען געפאַלן אויף דעם קינדער־אַנשטאַלט פון „צענטאָס", אין אָטוואָצק הינטער וואַרשע. עס האָבן זיך געפונען אין דעם אַנשטאַלט 180 יידישע קינדער אין עלטער פון 7 ביז 15 יאָר. 7 קינדער זענען געהרגעט געוואָרן אויפן אָרט און 32 שווער פאַרוווּנדעט, צווישן זיי דער פּעדאַגאָג און יידישער דיכטער קלמן ליס. עס זענען געווען דאַן נאָך אַנדערע קינדער־אַנשטאַלטן אין אָטוואָצק, ווי למשל דער ספּעציעל געשאַפענער פאַר די קינדער פון די זבאָנשינער פּליטים אונטער דער פירונג פון רענאַ קאָראַלסקא און אָסאָוויצקי. זיי זענען אַלע פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער דייטשער מאָרד־מאַשין אין אויגוסט 1942.

אָבער דאָס זענען געווען קינדער־אַנשטאַלטן געשאַפענע פאַר דער מלחמה. ווען די דייטשן זענען אַריין קיין וואַרשע, נאָך דער שרעקלעכער באָמבאַרדירונג וועלכע האָט אָנגעהאַלטן דריי וואָכן, זענען צענדליקער טויזנטער יידישע קינדער געוואָרן היימלאָז און אָנגעהויבן צו הונגערן. מען האָט זיי גערעכנט ביז הונדערט טויזנט, זיי זענען געווען די ערשטע קרבנות, זיי זענען געפאַלן ווי די פליגן פון הונגער; געלעגן אויף גאַסן און הויפן פון וואַרשע, צוגעדעקט אָפט מאָל בלויז מיט א צייטונג.

די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין וואַרשע, די פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס האָבן אָנגעהויבן א גרויסע רעטונגס־אַרבעט, כדי צו ראַטעווען פון א הונגער־טויט די דערוואַקסענע און קינדער. עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן צענדליקער נייע אינסטיטוציעס אונטער דער פירונג פון „צענטאָס", פינאַנסירטע דורכן „דזשאָינט" מיט וועלכע ס'האָבן אָנגעפירט די פאַרמלחמהדיקע דירעקטאָרן לעאָן ניישטאַט און דניאל גוזיק, און שפּעטער אויך דער געקומענער פון ווילנע (פאַרכאַפּט פון די דייטשן אין באַלטישן ים אויף זיין וועג קיין שוועדן) יצחק גיטערמאַן. אין די לאָקאַלן פון די פאַרמלחמהדיקע יידישע אינסטיטוציעס און פּראָפ. פאַראיינען זענען אַנטשטאַנען קינדער־אינטערנאַטן און פאָלקס־קיכן וועלכע האָבן געראַטעוועט פון הונגער און דערשעפּונג סיי די קינדער און סיי די דערוואַקסענע.

צו דער אַרבעט אין אָט די אינסטיטוציעס האָבן זיך צוגעשטעלט אַ גאַנצע פּלעיאַדע פון דער יידישער דיפּלאָמירטער אינטעליגענץ און פאָלקס־אינטעליגענץ. עס איז געשאַפן געוואָרן א נייער קאַדער פון טוער וועלכע האָבן מיט לייב און לעבן פּרובירט העלפן צו לינדערן די נויט אין וואַרשעווער געטאָ.

עס איז צוריק געעפנט געוואָרן די באַרימטע מעדעם־סאַנאַטאָריע אין מיעדזעשין, וועלכע איז געהאַט געשלאָסן געוואָרן באַלד אין ערשטן טאָג פון דער מלחמה. נאָכן אַריינקומען פון די דייטשן, ווען ס'האָט זיך געדאַכט אַז מען וועט ווי עס איז קענען לעבן, האָט דער באַקאַנטער לערער שלמה אַבראַמסאָן, דער לייטער פון דער קולטור־ליגע, צוזאַמען מיט די פריערדיקע מיטאַרבעטער און ניי־ווערבירטע. געעפנט די סאַנאַטאָריע און זי האָט אויפגענומען קינדער פונקט ווי פאַר דער מלחמה. דאָס מאָל איז זי געווען א טייל פון די „צענטאָס" אינסטיטוציעס. אין איר שפּיץ האָט זיך געשטעלט די לאָדזשער דאָקטאָרין ד"ר ראָזאַ אייכנער, צוזאַמען מיט זדזשיסלאַוו מושקאַט, דער וואָס האָט אין 1926 זיך באַטייליקט אין דער גרינדונג פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע; ער איז שוין איצט נישט געווען קיין יונגערמאַן; דאַן זענען געווען: ד"ר טאַליאַ מינץ, מאַניע זיגעלבוים און די אַלטע מיטאַרבעטער, צווישן זיי א מיידל טאָטענגרעבער וועלכע האָט געשטאַמט פון טשעכאַנאָוו. דעם 22־טן אויגוסט 1942 זענען די הונדערט קינדער פאַרטאָג אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייער שלאָף, און בראש מיט ד"ר ראָזאַ אייכנער און ד"ר טאַליאַ מינץ, געטריבן פון די ס. ס.־באַנדיטן, אָפּמאַרשירט אויף זייער לעצטן וועג אין די טויטן־וואַגאָנעס קיין טרעבלינקע.

ד"ר אַדאָלף בערמאַן, וועלכער איז געשטעלט געוואָרן אין שפּיץ פון דער „צענטאָס"־צענטראַלע, באַלד ביים אָנהויב פון דער מלחמה באַשרייבט אין זיין בוך „וואָס דער גורל האָט מיר באַשערט" די גרויסע אויפטוען פון די „צענטאָס"־אינסטיטוציעס, וועלכע זענען געוואַקסן אומאויפהערלעך, צוליב דער אומגעהויערער נויט און דעם אומאויפהערלעכן שטראָם פון יידישע פּליטים, געקומענע פון די שטעט אַרום וואַרשע, און אַפילו פון ווייטערע ערטער ווי דייטשלאַנד, גריכנלאַנד. זיי האָבן פאַרטאָפּלט די צאָל פון די יידישע איינוווינער אין געטאָ — פון 300 טויזנט ביז מער ווי א האַלבער מיליאָן. און דאָס נישט רעכענענדיק דעם גרויסן אַנטלויפן פון 7־טן סעפּטעמבער, ווען אויך איך בין אַנטלאָפן פון וואַרשע. די צאָל מיטאַרבעטער פון „צענטאָס" איז אויסגעוואַקסן צו מער ווי טויזנט, נישט רעכענענדיק די גרויסע צאָלן געזעלשאַפטלעכע טוער וועלכע זענען געווען טעטיק אַרום די אינסטיטוציעס. ד"ר אַדאָלף בערמאַן רעכנט אויס א לאַנגן צעטל פון לערער, דערציער און אַנדערע אינטעליגענץ, וועלכע זענען אַוועק מיט די קינדער אונטער זייער שוץ צו די טויטן־וואַגאָנעס. איך קען נישט אַלעמען אויסרעכענען: א טייל פון זיי וועל איך דערמאָנען: די דערציערין לאַזאָווערט, די מוטער פון א געטאָ־דיכטערין. מאַריאַ קלעפּפיש (די מוטער פון געטאָ־קעמפער מיכאל

און האָט אָוועקגעשטעלט זיי בײדן צו די טויזנטער
געחתמעטע צום טויט — אַזאַ אַ שפּאַס!
איך האָב געזען — אָ, לאָזט מיך, פרעגט מיך נישט,
נישט פרעגט מיך — וואָס? נישט ווען?
נישט פרעגט מיר ווו!
איך האָב באַשווירן אייך: נישט פאָרשן און נישט
הערן קיינמאָל פון דער מילאַ־גאַס
אָ, פרעגט נישט קיינער, נישט דערמאָנט מיר מער
די מילאַ־גאַס, ז'איז פול געווען און איז געוואָרן
באַלד צונישט
איבער הונדערט טויזנט ייִדן זענען דאָרט געווען
מיט קלומיקלעך, מיט רענצלעך אויף פּלייצעס און
אין הענט.

★

פון שאַפּ ווו קאַצענעלסאָן אַרבעט און שלאָפט דאָרטן צוזאַמען מיט זיין עלטסטן זון, פּרובירט ער זיך אַרייַנגנבע־נען אין געטאָ, צו באַגעגענען ייִדישע שרייבער, מאָלער — ער בענקט נאָך זיי.

כ'האָב פריינד געהאַט דאָ, נאָענטע, שרייבער ייִדישע
און מוזיקער און מאָלער — נישטאָ זיי קיינעם שוין,
מען האָט זיי אַלע אויסגעהרגעט, הלל צייטלינען —
מען האָט אין טלית אים, צום אומשלאַג אים
פאַרשלעפּט,
און אויפן אומשלאַג אים דערשאָסן. ישראל שטערן,
גילבערט — ברילִיאַנטן גרויס אין אונדזער קרוין —

נאָר מיטאַמאָל, אין דער טונקלקייט פון זיין נשמה, אין דעם גרענעצלאָזן טרויער און אויסזיכטלאָזן יאוש, רייסט זיך אַריין א דינער שטראַל פון האָפענונג — ער האָט דערזען:

— און אין א וואָך אַרום — און כ'גנבע זיך אַריין
אין געטאָ ווידער... איך האָב דאָרטן צוקערמאַנען
יאָ,
יצחק צוקערמאַנען האָב איך, צביה'ן האָב איך — די
שענסטע און די בעסטע אויף דער ערד!
חלוצים; יאָ, ווער זאָגט; מיר האָבן אַלץ אויף דר'ערד
פאַרלוירן שוין? חלוצים זענען דאָ!
ס'איז דאָ אַן אינהאַלט נאָך, אַן אָנהאַלט...
איך ווין נישט, ניין, די אויגן זענען מיר נאָר קוים
פאַרטרערט...

★

קאַצענעלסאָן בלייבט אין געטאָ. ער נעמט אָנטייל אין געטאָ־אויפשטאַנד, און שפּעטער באַזאָרגט מען אים מיט אַ האָנדוראַס־פּאַס, און פון וואַרשע פאָרט ער אָפּ קיין וויטעל, אין פראַנקרייך. 173 ייִדן זענען זיי דאָרטן געווען אויף אַזוינע פּאַספּאָרטן פון פאַרשידענע לענדער. זיי זע־נען אַלע שפּעטער אומגעקומען אין אוישוויץ.

אין קאַצענעלסאָנס פּאָעמע, קלאָג־ליד, כראָניק, פאַר־צווייפלטער אויסגעשריי אָדער גבית־עדות — רופט עס

ווי איר ווילט, איז פאַראייביקט די טראַגעדיע פון אַ פאָלק, פון אַן עדה, פון אַ דיכטער וועלכער האָט געלעבט מיט אידייען פון שיינקייט, עסטעטיק און מענטשלעכקייט; פון דערציִען נייע דורות ייִדישע קינדער און פירן זיי אויפן וועג צו ייִדישקייט.

דער העברעאיש־ייִדישער, דער ייִדיש־העברעאישער דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן האָט געטיילט דעם גורל פון זיין פאָלק, וועלכן ער האָט געדינט ביזן לעצטן אָטעם צוג מיט זיין פלאַמיק וואָרט — און וועלכער האָט באַוויזן שוין נאָך זיין טויט וואַרפן אין פנים דער וועלט איר שוויגן און פאַרשוויגן די פאַרברעכנס לגבי דעם ייִדישן פאָלק.

40 יאָר נאָך זיין טויט, רודערן נאָך אַלץ זיינע שריפטן אונדז אויף און צוזאַמען מיטן דיכטער מוזן מיר אי־בערלעבן דאָס איבערגעלעבטע.

כבוד זיין אָנדענק!

# די אַנדערע מיינונג...

דעמאָקראַטיע, ווייסן מיר — באַשטייט פון צוויי גרי־כישע ווערטער: דעמאָ — פאָלק און קראַטיע — הער־שאַפט. איז דאָך גוט. וואָס איז אָבער נישט גוט איז — אַז נישט תמיד איז פאָלקס־הערשאַפט — דעמאָקראַטיע.

דאָס רוב דיקטאַטאָרן (היטלער, מוסאָליני) זענען גע־קומען צו דער מאַכט מיטן ווילן פון פאָלק, דורך לעגאַלע וואַלן. זיי אָבער האָבן פאַרוואַנדלט — אין נאָמען פון פאָלק — די רעזשימען אין ברוטאַלע, טאָטאַליטאַרע מלוכות.

איז וואָס זשע איז פאָרט דעמאָקראַטיע? די מעגלעכקייט — זאָגט מען — צו האָבן אַן אַנדער מיינונג און זי קאָנען פריי אַרויסזאָגן, אָן מורא פאַר די קאָנסעקווענצן.

דאָס איז אָבער נישט אַזוי פּשוט, ווי אונדז דוכט זיך.

די „אַנדערע מיינונג" טראָגט אין זיך עלעמענטן פּאָזי־טיווע ווי נעגאַטיווע. זי קאָן למשל, אָנרעגן צו פרוכטבאַרע דיסקוסיעס (עמעצער האָט שוין באַוויזן פון וואָרט פרוכט־באַרע צו מאַכן פרוכטיק, וואָס קלינגט ווי אַ פאַרזשאַווער־טע זעג וואָלט געסקריפּעט).

אַ דיסקוסיע קאָן פירן צו אַ קאָנסטרוקטיווע לייזונג פון אַ געוויסן פּראָבלעם. זי קאָן אָבער זיין פּראָוואָצירנדיק, אַ מיינונג אויף צו להכעיס, כדי אַרויסרופן בייז בלוט, אָן שום ממשותדיקע רעזולטאַטן, אַ חוץ צוועקלאָזע קריגע־רייען.

אַ פאָלק — צי מיר אָנערקענען עס אָדער נישט — האָט זיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסן, וואָס זענען נישט תמיד אין איינקלאַנג מיט די אינטערעסן פון אַנדערע פעלקער, מיט וועלכע דאָס פאָלק לעבט אין שכנות.

ווענענס אינטערעסן דאַרף דינען די „אַנדערע מיינונג"?

**שלום ג.**

---

**פאַרן אינהאַלט פון די אַרטיקלען זענען פאַראַנטוואָרטלעך די מחברים גופא.**

---

אים שעמט זיך, ווייל דאָס איז נישט בלויז עפּעס וואָס געשעט צווישן יידן און יידן —

דער דייטש שטייט אין א זייט און ווי ער וואָלט קוים
קוים צו זיך געלאַכט —
דער דייטש שטייט פונדערווייטנס. דער דייטש —
ער מישט זיך נישט אַריין
וויי מיר, וויי מיר, דער דייטש! ער האָט מיט יידן —
מיינע יידן אומגעבראַכט!
קוקט אָן די וועגענער! קוקט אָן די שאַנד, קוק אָן,
קוק אָן די פּיין.

קאַצענעלסאָן אין וואַרשעווער געטאָ. ער קוקט אויף די וואַגאָנען, וועלכע שטייען אויפן אומשלאַג־פּלאַץ, אויף די הי־צערנע אָרונס וואָס שלינגען איין טויזנטער יידן און קומען ווידער צוריק ליידיקע, הונגעריקע —

דאָס טראַגישסטע פון דעם אַלעם איז דאָס יידישע קינד אין געטאָ. דאָס פילבאַרע האַרץ פון לערער, פון דערציער ווייטיקט צוליב זיין אומבאַהאָלפנקייט, וואָס ער קאָן די קינדער נישט העלפן. ער פּרובירט עפּעס טאָן פאַר זיי. קאָן ער נישט שטילן זייער הונגער, פּרובירט ער שטילן זייער גייסטיקן הונגער דורך שאַפן שפּילן, דראַמאַטיזירן, דערציילן. אָבער דאָס, וואָס זיינע אויגן האָבן געזען, האָט זיך איינגעקריצט טיף אין זיין זכרון, און ער קאָן עס נישט פאַרבייגיין, און ער וויל עס נישט פאַרבייגיין, און די פאַר־צייכענונגען רייסן זיך אַרויס אויפן פּאַפּיר:

יאָ, יאָ, איך בין סוף־ווינטער צוויי און פערציק אין
א קינדערהיים אַזאַ געווען
און קינדער, ערשט געבראַכטע פון דער גאַס געזען.
כ׳האָב אין א ווינקל זיך פאַררוקט —
און האָב אין שויס פון א דערציערין א קוים
צוויי־יעריק מיידעלע געזען —
אַ מאָגערינקע, א טויט־בלאַסינקע און אויגן ערנסטע,
איך האָב געקוקט, געקוקט.
כ׳האָב אָנגעקוקט זי, די צוויי־יאָריקע,
די אַלטיטשקע, די באָבע — הונדערט יאָר
איז דאָס יידישע, דאָס מיידעלע שוין אַלט דער ערנסט
אירער און איר גרויסע פּיין
דאָס וואָס די באָבע אירע האָט אין חלום נישט
געזען האָט דאָס מיידעלע געזען, און אויף דער וואָר,
איך האָב צעוויינט זיך און געזאָגט זיך: וויין נישט,
די פּיין פאַרשווינדט, און דער ערנסט וועט שוין זיין.

✶

דער דיכטער קאַצענעלסאָן, ווי געוויינטלעך אַ דיכטער, איז ער תמיד געווען פאַרליבט אין בלויען הימל. אין דער צאַרטער, בלייכער לבנה האָט ער געזען דאָס פּנים פון זיין געליבטער; די ווייסע וואָלקענדלעך, ווי שאָף וואָס פּאַשען זיך אויף אַ בלויער לאָנקע. די זון, וואָס פאַרגייט אין פלאַמען — און דאָס איז אגב געווען איינע פון קאַ־צענעלסאָנס לידער, וואָס די יוגנט האָט געזונגען — אַז די זון פאַרגייט אין פלאַמען און אַזוי פאַרגייט מיין האָ־פענונג און מיין טרוים —

אָבער אַצינד, פּנים אל פּנים מיטן חורבן — צו וועמען זאָל דער דיכטער רופן, שרייען —
רופט ער צו די הימלען:

אַוועקט! אַוועקט! איר האָט אונדז אָפּגענאַרט,
גענאַרט מיין פאָלק, גענאַרט מיין אַלטן שטאָם!
פון אייביק אָן — איר נאַרט אונדז, איר האָט די אבות
מיינע, די נביאים מיינע נאָך גענאַרט!
צו אייך, צו אייך — האָבן זיי די אויגן זייערע
געהויבן, אָנגעצונדן זיך אין אייער פלאַם,
די טרייסט אייערע אין דר׳ערד האָבן זיי, אויף דר׳ערד
דאָ, אין בענקשאַפט אייך גענאַרט.

קאַצענעלסאָן וואַרפט פאַר די הימלען זייער גלייכ־גילטיקייט, זיי האָבן דעם חורבן געזען — און געשוויגן. און נישט בלויז דאָס, ער וואַרפט אין די הימלען א באַ־שולדיקונג אין נאָמען פון פאַרפייניקטן, פאַרטיליקטן פאָלק:

אָ, הימלען אויסגעליידיקטע און וויסטע, הימלען ווי
אַ מדבר וויט און וויסט. איך האָב מיין איינציקן
מיין גאָט אין אייך פאַרלוירן, און זיי איז וויניק
האָבן אין אייך דריי —
דער יידישער, דער גאָט, זיין גייסט און דער גליל־ייד
פון זיי געהאנגען איז זיי קנאַפּ —
זיי האָבן אַלע אונדז אין הימל אָפּגעשיקט — אָ
עקלדיקע און געמיינע געטערדינעריי!

✶

דער געדאַנק, דער מוח רייסט זיך צו העכערע מד־רגות, צו א דין־תורה מיט דער מענטשהייט, אָדער געט־לעכקייט — אָבער די פעדער ברענגט אים צוריק צו דערווירקלעכקייט, און די טראַגישע ווירקלעכקייט איבער וועלכער קאַצענעלסאָן וויינט איז איינגעפּרעסט אין די גע־שעענישן אויף מילאַ גאַס אין וואַרשעווער געטאָ, בשעת דער אויסזידלונג. און ס׳רייסט זיך ביים דיכטער אַרויס אַזאַ מין שורה:

„נאָך גוט וואָס ס׳איז קיין גאָט נישטאָ... ס׳איז
טאַקע שלעכט אָן אים, אָ זייער, זייער שלעכט!
נאָר טאָמער וואָלט ער זיין — וואָלט ער גערן נאָך
געווען
אי גאָט און אי די מילאַ גאַס... אַזאַ אָ פאָר!
אָ נעמט אַרויס די קינדער אייערע באַהאַלטן אין
וואַליזעס, שליידערט זיי, צעשמעטערט זיי אָן וואַנט!
צינד פייערן גרויס און שפּרינגט אַהין אַריין
מיט הענט פאַרבראָכן, רייסט זיך ביי די האָר,
ס׳איז דאָ אַ גאָט! אומגערעכטיקייט אַזאַ, אַ שפּאָט
אַזאַ! און גרויס אַזאַ אָ שאַנד!

דער קאָשמאַר פון מילאַ־גאַס פאַרפאָלגט קאַצענעל־סאָנען אין לאַגער פון וויטעל און ער ראַנגלט זיך אויך דאָרט מיט זיינע קאָשמאַרן, פון וועלכע מען קאָן אראָפּ פון זינען:

דאָס יינגעלע! און ס׳האָט דער דייטש אַרויסגעשלעפּט
אַ צווייטן ייד פון ריי, אַן אומשולדיקן צו

נישט איבער קיין פיזישע ווייטיקן, אָבער אים פייניקן אינערלעכע ווייטיקן פון אומבאַהאָלפנקייט; פון זיין אָפּ־געריסן פון זיין פרוי און צווי זין; פון באַוווּסטזיין פון זייער גורל און פון זיין אייגענער אוממעכטיקייט. ער קאָן זיי אַפילו נישט מונטערן און טרייסטן; ער קאָן אַפילו נישט אויסשרייען זיינע געפילן:

ווייטיקן: אַ ווייטיקן איר מיינע... וואויל, יידן אייך,
אַ וואויל אייך, וואויל!
וואויל אייך עלנטע, אייך איבערבלייבעכצן אויף יענע
זייטן ים,
וואָס איר ווייסט עס נישט, אַך, ווען עס עפענען מיינע
ווייטיקן אַ מויל,
זיי וואָלטן אייך דאָס לעבן אייערס, אייך די וועלט
פאַרפינצטערט און פאַרסמט.

יצחק קאַצענעלסאָנס ווייטיקן האָבן נישט דערגרייכט אויף יענער זייט ים, כאָטש דאָרטן האָבן אויך פּאָעטן מיטגעפילט — ספּעציעל אין אַמעריקע — די טראַגיש־קייט פון דעם וואָס געשעט מיט די מזרח־אייראָפּעאישע יידן, אויך זיי האָבן געשאַפן לידער — אָבער וואָס פאַר אַ מהלך!

זייער לעבן איז נישט געווען באַדראָט. זייער מאַלצייט איז געווען צו דער צייט. זיי האָבן נישט געזען די הונ־געריקע, אויסגעדאָרטע קינדער סקעלעטן פון וואַרשעווער געטאָ — ווי קאַצענעלסאָן האָט זיי געזען. דאָס ריינע העמד און דאָס ריינע בעט האָבן געוואָרט מיט געמיטלעכער אָרדענונג. צום מיטאָג האָט נישט געפעלט דאָס גלעזל ווײַן, דער ציגאַר —

אין אָט די באַדינגונגען האָט מען געקאָנט שאַפן לידער פון דיכטערישער פּערפּעקטיוו.

אָבער ווי קאָן מען עס פאַרגלייכן מיט פּאָעמעס אויסגעוויינטע אין בלוט און טרערן, ווו דער פּאָעט האָט נישט געדאַרפט זוכן דעם פּאַסיקן גראַם, דאָס קלינגענדי־קע וואָרט צו מאַכן דעם געהעריקן איינדרוק — די סטראָפן האָבן פון אים געפלייצט צוזאַמען מיט די טרערן, וועלכע ער האָט געשטיקט אין זיך, וואָרעם: פאַר וועמען וויינען, אַז יעדער פון אַרום איז געווען אַן אבל און זיין אייגענע לעבנס־צייט האָט זיך געציילט אין רגע'ס.

אין חורבן פּאָעזיע, און חורבן כראָניקעס טאָר מען נישט זוכן דעם פּאָעטישן פּונק, נאָר די איבערלעבונגען פון דעם, וואָס האָט די פּערזן אַרויסגעריסן פון זיין גע־מיט און געוואָרפן זיי — ממש געוואָרפן זיי אין פּנים גאָט, דער וועלט, די ברידער יידן אויף יענער זייט ים. זיי האָבן געוואָרפן אַ שטיין אין ים פון דער אייביקייט, עס זאָל נישט אויפהערן צעשפּרייטן די ריגנען און נישט לאָזן פאַרגעסן — און מיטן באַוווּסטזיין פון דעם נביא שרייט קאַצענעלסאָן אויס:

— זיי וואָלטן אייך דאָס לעבן אייערס, אייך די וועלט פאַרפינצטערט און פאַרסמט!

איך וועל מיר דערלויבן צו צווייפלען, צי די ווייטיקן האָבן די ניו־יאָרקער דיכטערס פאַרפינצטערט און פאַר־סמט...

זיי האָבן די חורבן־לידער באַלד געשיקט אין די רעדאַקציעס צום דרוקן, איינגענומען האָנאָראַר און גע־וואַרט אויף די בראַוואָ פּאַטשערייען פון לייענער — אויף לויבערייען פון דער קריטיק.

ניין — קאַצענעלסאָן האָט נישט געשריבן פאַר דער פּרעסע. ער האָט זיינע כתבים פאַרבאַהאַלטן אין פלעשער און באַגראָבן פאַר דעם טאָג, ווען די געשיכטע וועט קומען מאָנען גערעכטיקייט און די כתבים וועלן קאָנען זיין די מאָנער און די עדות.

ער האָט זיינע לידער אַריינגעלייגט אין פלעשער, ווי אַ מענטש בשעת אַ שיף־ברוך שיקט זיין לעצטן גרוס אין דער וועלט אַריין — אפשר וועט עס דערגרייכן צו אַ ברעג; אפשר וועט פאַרט אַ ידיעה פון זיין פאַרגיין ערגעץ ווו אָנשלאָגן צו אַ משפחה, אַ פריינד, אַ קאָלעגע, צו אַן עמעצן — וואָס וועט געדענקען צו דערמאָנען.

*

דער ווייטיק טריפט פון די אָפּענע וווּנדן, פון די טעג און נעכט אין וואַרשעווער געטאָ, ווו קאַצענעלסאָן איז אָנגעקומען פון קראָקע. אין וואַרשעווער געטאָ האָט ער מיטגעמאַכט אַלע שרעקן, אַלע גזרות.

אָט דער אַ ווייטיק ברענגט אויף אין אים ביטערע זכרונות, נישט נאָר פון די דייטשע בעסטיאַליטעטן, נאָר אויך פון יידישער געפאַלנקייט.

„איך האָב פון פענצטער שויב אַרויסגעקוקט, געזען
די שלעגער גאָט,
איך האָב באַטראַכט די שלעגער און די געשלאָגענע
באַטראַכט.
איך האָב פאַרבראָכן מיט די הענט פאַר שאַנד...
אָ, שאַנד און שפּאָט.
מען האָט די יידן, אַך מיט יידן — מיינע יידן
אומגעבראַכט.
משומדים און ערב־משומדים מיט די שטיוול
גלאַנציק אויף די פיס,
און אין די היטלען מיטן מגן־דוד ווי א האַקנקרייץ
זיי אויף די קעפּ,
און מיט א שפּראַך אַ פרעמדע און פאַרגרייזט אין
מויל און גראָב און מיאוס,
האָבן זיי פון ווינונגען געשלעפּט אונדז,
געשליידערט פון די טרעפּ.״

און כאָטש דער דיכטער שעמט זיך — דאַך קאָן ער נישט פאַרטושן דעם אמת און וועלכער מאָנט מען זאָל אים אויך דערציילן, ווי שווער דאָס זאָל אים נישט אָנקומען.

אין די פריער דערמאָנטע שורות שילדערט קאַצע־נעלסאָן די יידישע געטאָ־פּאָליציי. אָבער נישט בלויז די ברוטאַליטעט פון דער פּאָליציי רופט ביי אים אַרויס אַן עקל צו די מענטשן. דער מענטש אין אים, דער ייד אין

נעלסאָן האָט פאַרמאָגט, כדי זיך אַוועקזעצן און פאַרצייכענען די יידישע פאָלקס־טראַגעדיע, און זיין פערזענלעכע טראַגעדיע אין די פופציק לידער, וועלכע שאַפן דאָס אומשטערבלעכע ווערק: „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק". זיין פרוי און די צוויי זין האָבן שוין דאַן נישט געלעבט. ער אַליין האָט געזען וואָס מיט די יידן אין וואַרשע איז געשען. ער אַליין האָט אָנטייל גענומען אין דער ערשטער פאַזע פון געטאָ־אויפשטאַנד. אויף א פאַס פון האָנדוראַס האָט ער זיך פאַרקליבן אין פראַנצויזישן לאַגער וויטעל, פון וועלכן ער האָט נישט דערוואַרט באַפרייט צו ווערן. טראָץ דעם, וואָס קאַצענעלסאָן האָט אויך געשריבן אַ טאָגבוך אין וויטעל, לייענען זיך די לידער ווי א כראָניק פון דער נאַציאָנאַלער טראַגעדיע און אויך די פערזענלעכע טראַגעדיע פון זיין פרוי און קינדער, דעם לעצטן גאַנג, דעם לעצטן וועג. דער יאוש, די אומבאַהאָלפנקייט האָט אין אים אָנגעצונדן די באַדערפעניש צו דערציילן — אפשר וועט עמעצער עס אַמאָל לייענען, און אויב עס וועט זיין א וועלט, און אויב עס וועלן זיין יידן — טאָ זאָגן זיי מאָנען און דערמאָנען. ער ראַנגלט זיך מיט זיך.

דאָס ערשטע ליד טראָגט אויף זיך די דאַטע — אָקטאָבער 1943, דאָס לעצטע ליד — יאַנואַר 1944.

אָבער ער ווערט זיך קעגן דער מוזע, קעגן דער אייגערלעכער שטים וואָס פאַרלאַנגט פון אים ער זאָל זינגען. ער גלויבט נישט, אַז עמעצער וועט דאָס געזאַנג דערהערן, אַז עמעצן וועט עס רירן.

„זינג, נעם דיין האַרץ אין האַנט, הויל אויסגעהוילט און גריינג —

דאָס ערשטע ליד איז אַ דיאַלאָג צווישן גאָט און זיין נביא. דער נביא שטעלט זיך אַנטקעגן גאָט און וויל נישט זינגען, וואָרעם ער וויס שוין דעם בראָך וואָס איז געשען מיטן פאָלק —

— ווי קאָן איך זינגען — ווי קאָן איך עפענען מיין מויל

זינג, זינג! הייב אויף צעווייטיקט אין געבראָכן הויך דיין שטים.

זוך! זוך אים אויף דאָרט אויבן, אויב ער איז נאָך דאָ —

דער דיאַלאָג מיט דער מוזע — אָדער גאָט — און אפשר נישט גאָט, ווייל אין אַן אַנדער ליד בונטעווען זיך דער דיכטער קעגן הימל. אגב, דער דאָזיקער בונט און צאָרן רייסט זיך אַדורך אין מערערע לידער זיינע.

נישט שריי צום הימל — זאָגט דער דיכטער — ער הערט דווקא די ערד, דעם הויפן מיסט...

קאַצענעלסאָן האָט שוין דאַן געוווסט דעם טראַגישן אמת פון גורל פון יידישן פאָלק.

אינעם ליד געשריבן דעם 5־טן מאַי 1943 רופט ער אויס:

„שיכט אונטער שיכט — מיט קאַלך באַגאָסן און פאַרברענט

אַרויף! אַרויף! שטייגט פון דער אונטערשטער, דער טיפסטער שיכט

קומט אַלע פון טרעבלינקע, פון סאָביבאָר, פון אַשוויענטשים

פון בעלזשעץ קומט, קומט פון פאָנאַר און פון נאָך און נאָך...

סוף כל סוף קאַפּיטולירט דער נביא פאַר דער מוזע, און גיט זיך אונטער:

„איך שפּיל. איך האָב געזעצט זיך נידעריק אויף דר'ערד

און האָב געשפילט און אומעטיק געזונגען, אָ, מיין פאָלק!

מיליאָנען יידן זענען ארום מיר געשטאַנען און געהערט,

מיליאָנען אויסגעהרגעטע זענען געשטאַנען, זיך צוגעהערט, אַ גרויס דערפאָלג!

און הגם דער דיכטער איז שוין מסכים צו שפילן אויף דער האַרף, דאָך האָט ער טענות צום ביבלישן נביא יחזקאל פון תנ"ך, צוליב זיין — יחזקאלס קאַפיטולאַציע לגבי גאָט:

יחזקאל: ייד, דו ייד, אין בבל־טאָל דו האָסט געזען —
די אויסגעטריקנטע, די ביינער פון דיין פאָלק און
האָסט פאַרלאָרן זיך יחזקאל... און א צעמישטער ווי א מאַנעקען
פון אייבערשטן פון דיינעם אין טאָל אין יענעם, פירן זיך געלאָזט.

דאָ האָבן מיר שוין דעם בולטן בונט קעגן גאָט, ווען דער דיכטער שטרייכט אונטער — פון אייבערשטן פון דיינעם, ס'הייסט ער, יצחק קאַצענעלסאָן, דער צום טויט פאַרמשפּעטער דיכטער פון פאָלקישן בראָך האָט קיין שום שייכות נישט צו דעם גאָט — פון אייבערשטן פון דייַנעם...

און נישט נאָר פון גאָט זאָגט דער דיכטער זיך אָפּ, פון אַ גאָט וואָס האָט אַפילו קיין ביינער נישט איבערגעלאָזן אין טאָל, ביינער וועלכע מען וואָלט געקאָנט אָנקליידן מיט פליש און הויט — ער זאָגט זיך אויך אָפּ פון די צוויי נביאים. איינער — וואָס האָט צוגעזאָגט אַז גאָט וועט די ביינער אין טאָל אויפלעבן, און פון צווייטן ירמיהו — אַז עס וועט זיין פרידן אויף דער וועלט:

יחזקאל, אים, ניין, ירמיהון... אים אויך, איך דאַרף אים נישט!

איך האָב גערופן זיי: אָ העלפט מיר, העלפט אַרויס:
נאָר כ'וועל אויף זיי נישט וואַרטן מיט מיין לעצטן ליד—
זיי מיט נביאות און איך מיט ווייטיקן אין מיינע גרויס.

יצחק קאַצענעלסאָן, זיצנדיק פאַרשפּאַרט אין לאַגער וויטעל, ווו זיין לעבן איז געהאָנגען אויף אַ האָר, וואָס האָט געהייסן — אַ פּאַספּאָרט פון האָנדוראַס — לעבט

מ. אייזענבוד

# דער לעצטער ווייגעשריי פון גרויסן דיכטער

פּאָעזיע איז דער דינסטער, פּילבאַרסטער און אוממיטלבאַרסטער אופן פון איבערגעבן שטימונגען, אינערלעכע שפּירונגען, און אויב מיר נעמען אָן, אַז יעדער מענטש פאַרמאָגט דאָס מעטאַפיזישע וואָס מיר רופן אָן נשמה — איז פּאָעזיע א נשמה אויסגוס פון דיכטער וואָס אַנטפּ ,עקט, אָדער אַנטבלויזט זיין נשמה פאַר אונדז.

און אויב מיר זאָלן ווען דעם געדאַנק קאָנקרעטיזירן, קאָן מען זאָגן, אַז יצחק קאַצענעלסאָן האָט אַרויסגעריסן די נשמה און זי פאַרוואַנדלט אין א פּאָן, פון וועלכער עס טריפט נאָך ס׳בלוט, און אָט דאָס בלוט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין איין מעכטיקן געשריי און קלאָג, וואָס איז פאַראייביקט אין „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק”.

אַ דיכטער קאָן זיך אין טאָג־טעגלעכן לעבן באַווייזן פאַר אונדז אין א ליכט, וועלכעס ער אַליין באַנוצט, כדי צו פאַרשטעלן די שאָטן־זייטן פון זיין כאַראַקטער, מיר זאָלן זען בלויז דאָס, וואָס דער דיכטער וויל מיר זאָלן זען, כדי עס זאָל אַרויסרופן דעם געהעריקן איינדרוק. עס איז ווי א בילד, וועלכעס דער פאָטאָגראַף ראַטושירט צו, פוצט צו, מעקט אויס די קנייטשן, די קישעלעך אונטער די אויגן און גיט צו דעם מענטשן א מילדן אויסקוק.

ווען א דיכטער פאַלט אָבער אַריין אין טראַנס פון שאַפן, דעמאָלט איז נישט שייך קיין ווילן פון אַרויסשטעלן זיך אַנדערש ווי מען איז, כאָטש דער דיכטער קאָן עס וועלן — דעמאָלט, אין שעפערישן פּראָצעס — קאָן נישט די לאָגיק און נישט דער שכל דיקטירן דער פען, נאָר די פען גייט איר אייגענעם וועג, אָנגעפירט פון באַהאַלטענע כוחות. און זי — די פען — זאָגט תמיד דאָס, וואָס ליגט ביים דיכטער פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער — און דער דיכטער קאָן זיך נישט העלפן.

אָבער מיר, די לייענער, די געניסער פון דער פּאָעזיע טראַכטן זיך נישט אַריין אין די אַלע זאַכן. פאַר אונדז איז אַ ליד, און איבערהויפּט נאָך, אַז עס איז א גוט ליד, עפּעס אַזוינס וואָס טוט א צעוויג אונדזערע געפילן; טוט א שפּיל אויף אונדזערע סענטימענטאַלע סטרונעס און נישט ווילנדיק און אַפילו — נישט פילנדיק — קריגן מיר טייל מאָל טרערן אין די אויגן פון גערירטקייט. דאָס ליד האָט אונדז אָנגערירט אויפן סאַמע פּילבאַרסטן אָרט.

פאַרטראַכט זיך א לייענער, ביי וועלכע באַדינגונגען דאָס ליד איז געשאַפן געוואָרן? צי איז דער דיכטער געווען זאַט אָדער הונגעריק? צי האָט ער זיך פונקט דאַן געקריגט מיטן ווייב; אָדער זיין געליבטע האָט אים פאַרראַטן? איז ער געווען ניכטער? איז ער געווען שיכור?

און אַ געוויסן זין איז דאָס וויסן — א זייער וויכטיקער פאַקטאָר ביים אַנאַליזירן אַ ליד, מחמת א ליד ווערט נישט געבוירן סתם פון דער לופטן, נאָר ערגעץ ווו האָט זיך א פונק צעטליעט, א רעדעלע האָט זיך א באַוועג געטאָן און דער שעפערישער מעכאַניזם איז געלאָזן געווען אין באַוועגונג.

איך וויל דאָ ברענגען בלויז איין קאָנקרעטן ביישפּיל, כדי צו אילוסטרירן פאַר אייך די דאָזיקע מיינונג.

איר קענט אַלע דעם נאָמען פון באַקאַנטן פּאָעט מאַני לייב, וואָס האָט געשריבן דאָס רוב קינדער־לידער. און אָט איז א פראַגמענט פון זיינס א ליד:

זי שפּילט. איך וויין. די לאַנגע ציטערדיקע פינגער
ווי בלייכע לאַנדישן פאַרבענקטע אין דער פינצטער
פאַרבענקטע זוכן זיי און בלאָנדזשען און געפינען
און מיינע קינדער וויינען, וויינען מיינע קינדער.
איך האָב אין אָוונט אָנגעטאָן זיי ווייסע העמדלעך
איך האָב געלייגט זיי שלאָפן און דעם לאָמפּ
פאַרלאָשן.
די טיר פאַרשפּאַרט, אין האַנט געהאַלטן לאַנג דעם
שליסל
די טרעפּ אראָפּ, און בין אַהער געקומען.

דעם באַשייד צו דעם ליד געפינען מיר אין ראובן אייזלאַנדס בוך „פון אונדזער פרילינג” און אָט וואָס ער דערציילט:

„פאַר די וואָס וויסן נישט (און קיינער איז נישט מחויב צו וויסן) איז אומפאַרשטענדלעך די סמיכת הפרשה צווישן איר שפּילן און זיין וויינען. איר שפּילן און דאָס וויינען פון זיינע קינדער. די לייענער וויסן ערשט נישט, ווי אַזוי זיינע קינדער זענען פלוצים געקומען אהער צום פלאַץ ווו זי שפּילט, נאָך דעם ווי ער האָט זיי אָנגעטאָן ווייסע העמדלעך, געלייגט זיי שלאָפן, דעם לאָמפּ פאַרלאָשן און די טיר פאַרשפּאַרט הינטער זיך. דער לייענער וויס נישט, אַז דאָס קומען אין דער פאַנטאַזיע צו אים זיינע קינדער וויינענ, ווען זי שפּילט, וויל איר שפּילן מאַכט אים אומרואיק און זיין שולד־געפיל, וואָס שיקט זיי אים אונטער, וויל ער האָט זיי שוין פאַרלאָזענע”.

מאַני לייב האָט סוף כל סוף פאַרלאָזן זיין פרוי און די פינף קינדער צוליב דער דיכטערין ראַשל וועפּריבסקי . . .

אָט דער קורצער אריינפיר איז אפשר נויטיק פאַר מיר אַליין צו קאָנען באַגרייפן דעם כוח וואָס יצחק קאַצע־

---

לויט דעם רבין פון ניו־יאָרק פאַראָרדנט דעם האָלאָקאָוסט וואָס האָט באַוויליקט צו הרגענען אומשולדיקע קינדער וויל די יידן האָבן געזינדיקט און דער גאָט פון „איוב”” אין א שפּיל מיטן שטן, דער גאָט איז געשטאָרבן אין אוישוויץ. — לויט די ראַדיקאַלע טעאָלאָגן פאַרנעמט זיין פלאַץ דער גאָט פון אוניווערס, וואָס איבערשטייגט דעם גאָט פון טעאיזם.

פאַר זיך באַשעפעניש. איוב האָט זיך בעסער אויפגעפירט ווי גאָט...

צום סוף פון דער לאָגישער אַנאַליזע דריקט אויס הערמאַן וואוק, דער טיף רעליגיעזער ייִד, זיין אַפירמאַציע צו דעם יידישן גאָט, ווען ער אידענטיפיצירט נישט נאָר די אומגליקלעכע יידן אין טערעזיענשטאָט און אין אַנדערע לאַגערן מיט דעם ליידנדיקן איוב אויף דעם הויפן אַש, נאָר דאָס גאַנצע יידישע פאָלק איז איוב, וואָס טראָץ אַלע ליידן און צרות, אַ דור נאָך אַ דור, האָט דאָס יידישע פאָלק קיינמאָל נישט אָפּגעלייקנט די עקזיסטענץ פון גאָט, פון אַ גערעכטער וועלט און גלייכצייטיק רעזערווירט פאַר זיך דאָס רעכט צו פאָדערן פון גאָט אַ דין וחשבון.

דער רעליגיעזער אויספיר האָט וואַרשיינלעך באַפרידיקט דעם רעליגיעזן נאָוועליסט, אָבער ער איז אין קעגנזאַץ און פאַרט זיך נישט מיט דער לאָגישער און ליידנשאַפטלעכער אַנאַליזע. — לאָמיר אַ ביסל אויסברייטערן די אַנאַליזע. הערמאַן וואוק באַהויפּטעט, אַז די וועלט פון „איליאַד" איז פאַרדאָרבן און אבסורדאַל צוליב דעם זינלאָזן און וווּלגאַרן קאַמף צווישן די געטער, בעת די וועלט פון איוב איז אַ לאָגישע און גערעכטע... איז זי טאַקע אַזוי לאָגיש און גערעכט? דער שטן אין „איוב" איז נישט ווי דער קריסטלעכער שטן, דער טייוול, וואָס איז אַ בעל־הבית פאַר זיך מיט אייגענער מאַכט אָדער דאַנטעס קאָלאָסאַלן מאָנסטער. דער שטן פון „איוב" מוז האָבן גאָט'ס באַוויליקונג אַפילו פאַר די קלענסטע און באַנאַלסטע טאַטן. ער איז גאָט'ס משרת און שליח.

אין אַ שפּיל אין הימל, באַוויליקט גאָט דעם שטן, זיין משרת אַראָפּצוברענגען אויף אַן ערלעכן און גאָטספאַרכטיקן מאַן אַזעלכע שרעקלעכע אומגליקן. פאַר יעדער פאַזע פון די אומגליקן איינשליסלעך דאָס הרגענען זיינע צען אומשולדיקע קינדער באַקומט דער שטן אַ באַוויליקונג פון פאַראויס. און ווען דער גאָטספאַרכטיקער איוב רעזערווירט זיך דאָס רעכט צו פרעגן דעם רבונו של עולם; היתכן? בייזערט זיך גאָט און זאָגט אים: וואָס פאַרשטייסטו דו, ביסט דאָך נישט מער ווי אַ וואָרעם...

הערמאַן וואוק איז געווען גערעכט אין דער אַנאַליזע און אין דעם אויספיר, אַז איוב אויפן הויפן אַש האָט זיך בעסער אויפגעפירט ווי גאָט אין הימל. אַזוי אויך דער אומשולדיקער, אומגליקלעכער צבור אין טערעזיענשטאָט. קאָנסעקווענט און לאָגיש האָט זיך מיט דעם באַדאַרפט פאַרענדיקן דאָס קאַפּיטל.

*

ווען ריטשאַרד רובענשטיין האָט דערמאָנט אין זיין בוך דעם „ונתנה תוקף" האָט ער געמיינט אין פּסוק: בראש השנה יכתבון וביום צום כפור יחתמנון... ...מי יחיה ומי ימות...

אויב מ'זאָל אָננעמען דעם „ונתנה תוקף" בוכשטעבלעך, קאָן מען קומען צום אויספיר אַז אויבן אין הימל האָט מען פאַרשריבן און דעקרעטירט (אין ראש השנה) און אַרויפגעקלאַפּט דעם זיגל אויף דעם דעקרעט (אין יום כיפור), אַז זעקס מיליאָן יידן, איינשליסלעך אַנדערהאַלבן מיליאָנען יידישע קינדער און אַן ערך 5 מיליאָן נישט־יידישע אומשולדיקע מענטשן זאָלן עקסטערמינירט ווערן אין קאָנצענטראַציע לאַגערן, גאַז־קאַמערן...

אויב אַזוי איז גאַנץ פאַרשטענדלעך די פראַגע פון דער קריסטלעכער פרוי: „איז דאָס געווען גאָט'ס ווילן?" אָדער אין דעם זעלבן געדאַנקען־גאַנג די פעסטשטעלונג פון דעם רבין אין ניו־יאָרק, אַז דאָס איז געווען די כוונה פון גאָט, זיין בפירושער ווילן און ממילא זענען היטלער, הימלער, אייכמאַן געווען נישט מער ווי אַ געצייג פון גאָט, זיי האָבן אויסגעפירט גאָט'ס באַפעלן.

פון דער אַנדערער זייט איז נישט קיין וווּנדער, אַז עס איז אויפגעשוווּמען די עקסטרעם־קעגנגעזעצטע שטעלונג, אַז גאָט איז „עי דיוויין אינפאַנטיסייד", אַ קינדער־מערדער און אַז „גאָט איז געשטאָרבן אין אוישוויץ".

אין דער אונטערשטער שורה גרענעצט זיך די דאָזיקע גאַנצע דעבאַטע מיט דער אַזוי גערופענער „פריער־באַשטימונג ־ גורל ־ טעאָריע" (פריאָרדעינט דעסטיני טיאָרי), אַ קריסטלעכע טעאָריע, וואָס אייניקע קריסטלעכע טעאָלאָגן (אגב פריינטלעכע צו יידן) האָבן אַנטוויקלט. דער ציל פון דער טעאָריע איז געווען אַוועקצושטעלן די קרייצונג דראַמע אין די ראַמען פון פריער באַשטימטן גורל: „גאָט האָט דאָס אַלץ פּלאַנירט, נאָך איידער ער האָט באַשאַפן הימל און ערד". דערפאַר זענען נישט פאַראַן אין דער דראַמע נישט קיין העלדן און נישט קיין שולדיקע רשעים, ווייל „אַלע זענען בלויז געווען אַקטיאָרן, וואָס האָבן נאָר אויסגעשפּילט זייערע ראָלן, וואָס גאָט האָט זיי צוגעטיילט"...

ראַציאָנעלע מענטשן קאָנען נישט אָננעמען דעם געפערלעכן אומזין, אַז יעדער טוט נאָר אויספירן גאָט'ס ווילן, וואָס מיינט ער האָט נישט קיין פרייען ווילן. דאָס אויסשפּרייטן די „פריער־באַשטימונגס־גורל טעאָריע" פון דער קריסטלעכער קרייצונג דראַמע צום טעגלעכן לעבן פון אַ געזעלשאַפט, וואָלט צוזאַמענגעבראָכן יעדע פונדאַמענטאַלע אָרדענונג פון געזעלשאַפטלעכן לעבן.

לויט דער יידישער רעליגיע האָט יעדער אַ פרייען ווילן און איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מעשים.

עס ווערט גאָרנישט דעקרעטירט און פאַרזיגלט אין הימל, וואָס זאָל האָבן אַן השפּעה אין טאָג־טעגלעכן לעבן אויף דער ערד.

דער „ונתנה תוקף" איז נישט קיין רעליגיעזע דאָגמע. דאָס איז בלויז אַ ליטורגישע פּאָעמע, וואָס סטימולירט מעדיטאַציע.

דאָס אויסמאָרדן פון דריי מיליאָן ציווילע מענטשן אין קאַמפּוטשיאַ איז נישט געווען גאָט'ס ווילן. דער האָלאָקאָסט פון 6 מיליאָן יידן און 5 מיליאָן נישט יידישע ציווילע מענטשן איז געוואָרן פּלאַנירט און אויסגעפירט פון געבילדעטע דייטשע ביוראָקראַטן, פון דער דייטשער מלוכה מאַשין בהסכם מיט דער ראַסיסטישער טעאָריע פון דער דייטשער רעגירונג.

דער ליטורגישער גאָט פון „ונתנה תוקף", וואָס האָט

שטאַרבן אַ זינלאָזן טויט אין אַ זינלאָזן קאַמף וואָס די געטער פירן צווישן זיך.

אָבער בלאָס איז האָמערס „איליאַד” אין פאַרגלייך מיט דער עפּישער טראַגעדיע פון „איוב”.

ווי זעט אויס דער יידישער עפּאָס? (הערמאַן וואוק באַנוצט זיך דאָ מיט אַ „צוגעפּוצטער” נישט אויטענטישער שפּראַך פון „איוב”, אָבער געטריי צום גייסט פונעם בוך). „דער שטן זאָגט צו גאָט: איוב איז אַן ערלעכער און גאָטספּאַרכטיקער מענטש? דער רייכסטער מאַן אין לאַנד עוז, זיבן זין און דריי טעכטער. פאַרוואָס נישט זיין פרום און גוט? עס לוינט זיך אים, אַ זינפּולער אוניווערס. אַ פיינע אַראַנזשירונג. אָבער איוב איז נישט גאָטספּאַרכטיק, ער איז אַ „סמאַרט דזשו” (ער ווייסט, אַז פאַר מעשים טובים ווערט מען באַלוינט), אָבער נעם אַוועק די באַלוינונג און דו וועסט באַלד זען ווי גוט און פרום ער איז. האָט גאָט געזאָגט צום שטן „אָלרייט” נעם דאָס אַלעס אַוועק פון אים. און דער שטן האָט ביי אים צוגענומען דאָס גאַנצע פאַרמעגן און די זיבן זין און דריי טעכטער. איז איוב געפאַלן אויף דער ערד און געזאָגט: גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט צוגענומען, געלויבט זאָל זיין דער נאָמען פון גאָט. זאָגט גאָט צום שטן: זעסטו? ער איז געבליבן גאָטספּאַרכטיק. ענטפערט דער שטן, אַז אין דער אונטערשטער שורה איז אַ מענטש אינטערעסירט נאָר אין זיין אייגן לייב און לעבן, אָבער ריר אָן זיין הויט און ביין, רעדוציר אים צו א צעפוילטן סקעלעט און דו וועסט שוין זען ווי ער וועט דיך לעסטערן.

אַזוי זעען מיר איובן זיצן אויף א הויפן אַש, אויסערהאַלב דער שטאָט. אַ צעפוילטער סקעלעט, וואָס קראַצט זיינע בלאָטערן מיטן אַש.

ווער איז איוב? פרעגט דער רעפערענט, דער אַלטער פּראָפעסאָר. קיינער ווייסט נישט „אָבער מיר ווייסן, אַז ער האָט פאַרשטאַנען דעם זינען פון דעם באַגריף לעבן. ער האָט דאָס פאַרשטאַנען ווי מיר אין טערעזיענשטאַדט פאַרשטייען דאָס”...

ווי אין יעדן גרויסן ווערק פון קונסט, איז די הויפּט־כוונה פון דעם מחבר זייער איינפאַך. איוב׳ס פריינד, וואָס זענען געקומען אים טרייסטן, באַהויפּטן אַז היות גאָט הערשט איבער דעם אוניווערס, מוז אַלעס האָבן א זינען. דערפאַר איז נישט אַנדערש נאָר אַז איוב האָט געזינדיקט און די לידן זענען א שטראָף פאַר די חטאים. זאָל ער נאָכטראַכטן וועגן זיינע מעשים, מודה זיין זיך און תשובה טאָן.

איוב באַקעמפט אַזאַ אַרגומענט. אויב עס „פעלט עפּעס” (דער מאָטיוו) אין דער אויפקלערונג פון זיינע לידן, ליגט דאָס נישט ביי אים. „דאָס עפּעס, וואָס פעלט” מוז זיין ביי גאָט. איוב ווייס, אַז די הערשאַפט פון גאָט איבער דעם אוניווערס דאַרף האָבן אַ זינען, אָבער זיין קערפּער באַדעקט מיט בלאָטערן איז אַ באַווייז, אַז עס איז נישט פאַראַן קיין גאַראַנטיע פון אַ גוטן שכר פאַר מעשים טובים. דער מין משוגענע אומגערעכטיקייט איז אַ טייל פון דער זעבאַרער וועלט און פון דעם לעבן. היות ער איז אומשולדיק, פאָדערט פון אים זיין רעליגיעזער גלויבן צו האַלטן זיך קאָמפּראָמיסלאָז ביי זיין אומשולדיקייט, ווייל אַנדערש וואָלט ער נאָר פּראָפאַנירט דעם נאָמען פון גאָט. ער וואָלט אויף אַזאַ אופן אָנערקענט, אַז גאָט קאָן פאַרפושערן דאָס לעבן פון א מענטש און אויב גאָט קאָן דאָס טאָן איז דער גאַנצער אוניווערס פאַרפושערט און גאָט איז נישט דער אַלמעכטיקער גאָט. — אָבער אַזאַ פאַרלייקענונג פון גאָט וועט איוב קיינמאָל נישט אָננעמען. ער פאָדערט פון גאָט אַן ענטפער.

און אַן ענטפער באַקומט ער — וואָס פאַרענטפערט גאָרנישט. גאָט רעדט צו אים פון אַ שטורעם: „ווער ביסטו, וואָס פאַרלאַנגסטו פון מיר אַ דין וחשבון? פאַרשטייסטו די סודות פון באַשאַף? די סודות פון קאָסמאָס? דו, אַ וואָרעם, וואָס לעבט אַ פּאָר מאָמענטן און שטאַרבט!”

„פריינד” רופט אויס דער לעקטאָר, דער אַלטער פּראָפעסאָר, „איוב האָט געוווּנען”. מיט דעם גאַנצן געפילדער פון די וואָלקנס און שטורעם האָט גאָט פאַקטיש מודה געווען אַז „דאָס עפּעס, וואָס האָט געפעלט” (דער מאָטיוו פאַר איובס לידן) איז געווען מיט אים אין הימל. גאָט באַהויפּטעט נאָר, אַז איוב טאָר נישט קוועסטיאָנירן גאָט׳ס גערעכטיקייט און דאָס איז דער גאָטספּאַרכטיקער איוב גרייט אָנצונעמען.

די דראַמע איז פאַרענדיקט. איוב פאַלט אויפן פּנים און די „העפּי ענדינג” איובס געזונטהייט איז ווידער אויפגעריכטעט, אַזוי אויך זיין רייכטום. ער האָט נאָכאַמאָל זיבן זין און דריי טעכטער, אייניקלעך און אוראייניקלעך. ער לעבט 140 יאָר.

איצט, אין דעם לעצטן טייל פון דער לעקציע קומט הערמאַן וואוק׳ס שטעלונג צו דער פראַגע וועגן גאָט׳ס ראָלע אין דעם יידישן אומקום.

דער רעפערענט פרעגט די טערעזיענשטאַטער יידן אין טעאַטער־זאַל: „צופרידן, אַ העפּי ענדינג. יאָ? א סך מער יידיש ווי דאָס אַבסורדאַלע און טראַגישע אין „איליאַד”! זייט איר זיכער? טייערע יידישע פריינד, אָבער די צען קינדער וואָס זענען געהרגעט געוואָרן? ווו איז געווען גאָט׳ס גערעכטיקייט לגבי זיי? און דער טאַטע און די מאַמע? צי קאָנען די ווונדן פון זייער ווייטאָג פאַרהיילט ווערן אַפילו אין 140 יאָר? און דאָס איז נאָך נישט דאָס ערגסטע, וואָס איז דאָס געווען „דאָס עפּעס, וואָס האָט געפעלט” (דער מאָטיוו פאַר דעם עונש, פאַר דער שטראָף), וואָס גאָט האָט זיך אַזוי געבייזערט אין שטורעם, אַז דאָס איז צו פיל פאַר איובן צו פאַרשטיין? אָבער מיר פאַרשטייען דאָס און צו דעם מוזן מיר אַפילו נישט זיין קיין גרויסע חכמים...

דער שטן האָט פשוט פּראָוואָצירט גאָט, ער זאָל אים געבן דעם רשות, דעם באַפעל אויסצופירן אַזאַ שרעקלעכן, זינלאָזן נסיון, אַ טראַגישע שפּיל מיט מענטשלעכע לעבנס... נישט קיין ווונדער, וואָס גאָט בייזערט זיך און שרייט פונעם שטורעם בכדי צו אינטימידירן, אָנצושרעקן און פאַרשטומען איובן. דער אמת איז, אַז גאָט שעמט זיך

צו א פּערזענלעכער טראַגעדיע. זיין קליין קינד איז געפונען געוואָרן טויט אין וויגעלע ערב יום כיפור אין יאָר 1950. רובענשטיין האָט דאָס אַלץ מגלה געווען אין אַ בוך, וואָס איז דערשינען 5 יאָר נאָך דעם „אַפטער אושוויטז".

עס איז וויכטיק פאַר אונדזער טעמע צו ברענגען א פּאָר ציטאַטן פון דעם דאָזיקן בוך, וואָס טראָגט דעם פּראָוואָצירנדיקן טיטל „מיי בראָדהער פּאול" (מיינט פּאול — דעם קריסטלעכן אַפּאָסטאָל). אין דעם בוך שרייבט ער: „אויב, ווי ביידע פּאול און די רבנים האַלטן, אַז טויט איז גאָט'ס שטראָף פאַר זיינע נישט־געהאָרכזאַמע קינדער, דעמאָלט איז גאָט — ער מעג זיין רעכטפאַרטיק און יושרדיק — א „דיווין אינפאַנטיסייד" — אַ קינדער מערדער. די עקזיסטענציעלע סיבות פאַרוואָס איך בין באַהערשט מיט דער טעמע, קאָן מען געפינען אין דעם פּלוצלעכן טויט פון מיין קליין ייִנגעלע. אין דערפרי, ערב כיפור. ביזן היינטיקן טאָג קאָן איך נישט ברענגען פאַר די ליפּן דעם ונתנה תוקף אָן צו דענקען וועגן מיין נאַטאַניעל.

פּראָפעסאָר רובענשטיין דערציילט, אַז אויף סוכות איז ער געפאָרן צו זיין רבין הרב יצחק הונטער, ראש ישיבה פון מסיבתא חיים בערלין. דער רבי האָט אים אויפגעקלערט בזה הלשון: „איך וויל אַז דו זאָלסט כסדר געדענקען אַז דער רבונו של עולם גיט קיינמאָל נישט קיין גאַראַנטיעס אין עולם הזה"... „ווען איך האָב געהאַלטן ביים אַרויסגיין, האָט דער רבי צוגעגעבן: „איך האָף אַז דאָס וועט נישט גורם זיין, אַז דו זאָלסט חלילה פאַרלירן דיין אמונה. איך האָב פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ פאַרדאַכט. אָבער רעטראָספּעקטיוו זעט עס אויס, אַז דער רבי האָט מיך בעסער געקענט, ווי איך — זיך אַליין. דריי יאָר נאָך דעם האָב איך קאָנטינואירט צו פירן א שטרענג אָרטאָדאָקסיש־רעליגיעזן לעבן. פונדעסטוועגן בין איך געווען מער צעטרייסלט ווי איך האָב אַליין באַגריפן".

פופצן יאָר האָט עס געדויערט זייט דעם טויט פון זיין וויקלקינד ביז צו דער מסקנא אין זיין בוך „אַפטער אושוויטז" אַז גאָט איז פאַקטיש געשטאָרבן אין אושוויץ; און נאָך פינף יאָר — אַרויסצוגעבן דאָס בוך „מיי בראָדהער פּאול" צו אַנטפּלעקן אַז דאָס איז געווען זיין פּערזענלעכע טראַגעדיע, דער טויט פון איין־איינציקן וויקלקינד וואָס האָט צעטרייסלט דעם רב'ס אמונה מער ווי ער האָט עס תופס געווען דאַן ווען די פּערזענלעכע טראַגעדיע איז אים באַפאַלן. אָט דאָס פּערזענלעכע אומגליק האָט באַהערשט דאָס טראַכטן פון דעם רב וועגן גאָט'ס ראָל אינעם מענטשלעכן לעבן פון דער פּערזענלעכער טראַגעדיע צו דער נאַציאָנאַלער: ווו איז גאָט געווען, ווען זיינע זעקס מיליאָנען קינדער זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין אַזעלכע שרעקלעכע יסורים?... און זיין אויספיר: „גאָט איז פאַקטיש געשטאָרבן אין אושוויץ".

אויך דער באַרימטער אַמעריקאַנער נאָוועליסט הערמאַן וואוק האָט זיך איינגעשאַלטעט אין דער טעמע וועגן גאָטס ראָלע אינעם האָלאָקאָוסט. — הערמאַן וואוק איז ווי באַוווּסט א טיף רעליגיעזער ייִד.

אין די צוויי בענדער „דהי ווינדס אָף וואָר" און „וואָר ענד רעמעמבעראַנס" איז דער העלד פּראָפעסאָר אהרן דזשעסטראָו, אַ טעאָלאָג (אַ פיקטיווער כאַראַקטער, אַ נאַטוראַליזירטער אַמעריקאַנער). דורך אָט דעם טעאָלאָג ווערט איוב אַריינגעבראַכט קיין טערעזיענשטאָט.

היות די ליידן פון איוב זענען אַן אַלוזיע צו די ליידן פון די ייִדן אין טערעזיענשטאָדט, איז נייטיק צו ווידמען א פּאָר שורות דעם „יודען־שטאָדט־מוסטער" טערעזיענשטאַט, וואָס איז געווען נישט מער ווי אַ היטלעריסטישער שווינדל אָפּצונאַרן דעם אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ, וואָס האָט זיך ברצון, פריי־וויליק געלאָזט אָפּנאַרן. אין דער ווירקלעכקייט איז טערעזיענשטאַט געווען נישט מער ווי א שלויז (ווערטלעך מיינט עס א קינסטלעכער קאַנאַל וואָס פאַרבינד וואַסערן פון צוויי פאַרשידענע פלאַכן), וואָס ווען זי ווערט פול, ווערן געעפנט די שלויז־טויערן צום אונטערן פלאַך, מיינט א טייל פון די געפאַנגענע ייִדן „פליסן" אַרויס פון דער שלויז דירעקט קיין אושוויץ צו מאַכן פּלאַץ פאַר די ניי־געקומענע „פּראָמינענטע" ייִדן. די „פּראָמינענטע" ייִדן ווערן געפּייניקט פיזיש און גייסטיק מיט דער נאַצישער ברוטאַליטעט און ראַפינירטקייט. אַ יעדער ייִד, ווען ער עפנט די טיר צו זיין צימער (יאָ ער האָט געהאַט א צימער...) און האָט נישט געפונען די גרויע דעפּאָרטאַציע קאַרטע קיין אושוויץ איז ער געווען גליקלעך. —

טראָץ דעם אַלעם האָבן די ייִדן אין טערעזיענשטאַט געהאַט א לייען־זאַל און אַ טעאַטער־זאַל וואָס איז אויסגענוצט געוואָרן פאַר קולטורעלע אַקטיוויטעטן.

אין אָט דעם טעאַטער־זאַל, אין דער דאָזיקער אַטמאָספערע שטעלט הערמאַן וואוק אוועק זיין העלד, דעם פּראָפעסאָר פון טעאָלאָגיע צו האַלטן א רעפעראַט, אַ לעקציע וועגן „איוב".

אַ טיפע ליטעראַרישע און פילאָסאָפיש־רעליגיעזע אָפּשאַצונג אין וועלכער די ליידן פון איוב און די פילאָסאָפיש־רעליגיעזע דעבאַטן זענען נישט אַבסטראַקט. דאָס זענען די פּערזענלעכע ליידן פון די צוהערער אין דעם מאַקאַברישן טעאַטער־זאַל אין טערעזיענשטאַט, ווו יעדער ייִד איז איוב.

אין דעם אַריינפיר מאַכט דער רעפערענט א פאַרגלייך צווישן שעקספּירס „טרוילוס ענד קרעסידה" און האָמערס „איליאַד" פון איין זייט און „איוב" פון דער צווייטער זייט. שעקספּיר און האָמער שילדערן די טראָיאַנישע מלחמה. פון די ביידע איז נאָר „איליאַד" אַן עפּישע טראַגעדיע, ווייל האָמער ברענגט אַרויס די עלטסטע מענטשלעכע פּראָבלעמען. דאָס פּראָבלעם פון דעם זינלאָזן שלעכטס, דראַמאַטיזירט אויף די פעלדער פון שלאַכטן. אָבער האָמערס אוניווערס איז זינלאָז און מנוולדיק. אַ רחמנות אויף דעם גרויסן העלד העקטאָר, אַז ער מוז

ד"ר מ. פערשטענדיק

# גאָט אין אוישוויץ, איוב אין טערעזיענשטאַט און דער רבי אין ניו־יאָרק

געטאָס, קאָנצענטראַציע לאַגערן, גאַז־קאַמערן: „איז דאָס געווען גאָטס ווילן?" אָט אַזאַ פראַגע האָט געשטעלט אַ קריסטלעכע פרוי, וואָס האָט באַזוכט דעם חורבן צענטער אין מעלבורן.

די פראַגע איז אַ טעאָלאָגישע און קאָן אויסגעטייטשט ווערן אויף צוויי אופנים. די גלויבענדיקע קריסטלעכע פרוי האָט אויסגעדריקט א פראָטעסט צו גאָט. געמיינט צו זאָגן „איז דאָס (דער האָלאָקאָוסט) גאָט'ס גערעכטיקייט? איז דאָס די אַרבעט פון א גאָט, וואָס זאָל דאָך זיין א באַרעמהאַרציקער פאָטער פון זיינע קינדער"...

עס איז אָבער מעגלעך, אַז די פרומע קריסטלעכע פרוי האָט נאָר אויסגעדריקט איר טיפן גלויבן אין גאָט'ס גערעכטיקייט, וואָס איבערשטייגט דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד, אַזוי צו זאָגן מיט א זיפץ: „ברוך דיין אמת"... געבענטשט זאָל זיין גאָט, וואָס איז דער סימבאָל פון גערעכטיקייט, ווייל אַפילו ווען מיר פארשטייען נישט גאָט'ס דרכים טאָרן מיר נישט קוועסטיאָנירן גאָט'ס גערעכטיקייט. אין דעם זין האָט די טעאָלאָגישע פראַגע וואַרשיינלעך געוואָרט אויף אַן אַפירמאַטיווע תשובה.

ווי אַזוי מען זאָל נישט אינטערפרעטירן די טעאָלאָגישע פראַגע פון דער קריסטלעכער פרוי, אונטערליגט אָבער נישט קיין צווייפל, אַז נישט נאָר איז זי געווען פערזענלעך דערשיטערט, נאָר אַז איר רעליגיעזער גלויבן אין גאָט'ס גערעכטיקייט איז דערשיטערט געוואָרן אַזוי ווייט, אַז זי האָט געזוכט שלום צו מאַכן מיט גאָט, זוכנדיק א באַשטעטיקונג פאַר איר גלויבן. כל הכבוד!

אַ באַרימטער רבי אין ניו־יאָרק האָט נישט געפרעגט „צי איז דאָס געווען דער ווילן פון גאָט?" ער ווייסט דעם ענטפער פאָראויס. ער האַלט, אַז ווען יידן וואָלטן זיך געווען באַגרענעצט צו תורה ועבודה, וואָלט צו דעם אַלעם נישט געווען געקומען. היות די יידן האָבן געזינדיקט, האָט גאָט זיי באַשטראָפט. איז אָבער גאָט אַ באַרעמהאַרציקער פאָטער, האָט ער נישט אויסגעהרגעט אַלע יידן אין דער גאַנצער וועלט. געבליבן א ביסל שארית הפליטה, דאָס אַמעריקאַנער יידנטום און אַנדערע. דער רבי איז נישט באַהערשט פון ספקות. אין זיין רעליגיעזן גלויבן שפירט זיך נישט אַ צעריסנקייט, וואָס רירט אָן דאָס געוויסן פון א מענטשן אין אָנבליק פון אַזאַ שרעקלעכער טראַגעדיע. אדרבא, די קרבנות ווערן באַשולדיקט, זיי די זעקס מיליאָנען יידן זענען שולדיק. דאָס אלץ וואָס עס איז געשען איז געווען גאָט'ס ווילן, דאָס מיינט אַז היטלער און זיינע חיילות האָבן נאָר געטאָן גאָט'ס ווילן.

★

אַן אַבסאָלוט קעגנגעזעצטע מיינונג האָט אויסגעדריקט אַן אַנדער ראַביי און טעאָלאָג, ריטשאַרד רובענשטיין. אין זיין בוך „אַפטער אושוויטז" (נאָך אוישוויץ), ארויסגעגעבן אין 1966, קומט ער צום אויספיר אַז „גאָט איז פאַקטיש געשטאָרבן אין אוישוויץ"...

עס איז נייטיק זיך אָפּצושטעלן אַביסל לענגער אויף דער פערזענלעכקייט פון ריטשאַרד רובענשטיין, בכדי צו באַגרייפן ווי אַזוי ער איז געקומען דערצו און וואָס ער מיינט מיט זיין געוואַגטער מסקנא „אַז גאָט איז פאקטיש געשטאָרבן אין אוישוויץ".

ריטשאַרד רובענשטיין האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע אַלס אן אָרטאָדאָקסישער ראַביי און שפּעטער געוואָרן הלל־דירעקטאָר און „טשעפּלעין" פאַר יידישע סטודענטן אויף די אוניווערסיטעטן פון האַרוואַרד און אַנדערע. מיט דער צייט האָט ער רעזיגנירט פון רבנות און זיך פאַקטיש אָפּגעריסן פון דעם יידישן רעליגיעזן „עסטאַבלישמענט" הן אָרטאָדאָקסישן, הן קאָנסערוואַטיוון. אַלס פּראָפעסאָר פון טעאָלאָגיע און פילאָסאָפיע ווערט ער באַטראַכט ווי איינער פון די טיפסטע הייגטצייטיקע טעאָלאָגן פון דער ראַדיקאַל־טעאָלאָגישער שיטה. די סיבות וואָס האָבן געפירט ריטשאַרד רובענשטיין צו דער ראַדיקאַלער טעאָלאָגיע פון „גאָט איז געשטאָרבן" קאָן מען נאָכשפירן

---

לערנט מען; מען ווערט רייפער און דערפאַרענער. דאַרפן די דורכפאַלן זיין אַ סיבה פון צווייפלען אין דער עצמזאַכלעכקייט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די פירער פון דער מדינה?

דער ענין לבנון איז געווען א פאַרמעסט מיט נישט פאָרויסגעזעענע כוחות, וועלכע האָבן זיך באַוויזן אויף דער אַרענע אין מיטעלן מזרח, אין קומען פון דעם פאַנאַטיש־איסלאַמישן איראַן.

דורך דער לבנון מלחמה האָט ישראל דעמאָנסטרירט איר כוח און איר גוטן ווילן איינצושטעלן שלום און זיכערקייט אויף אירע גרענעצן.

אַצינד זוכט ישראל אַנדערע וועגן צו דערגרייכן די זעלבע צילן. דער כוח פון דער מדינה ליגט אין דעם גלויבן, אַז דער שלום וועט זיין אַ רעזולטאַט פון פאַרשטענדעניש און גערעכטיקייט פאַר אַלע צדדים אין מיטעלן מזרח.

אָבער ישראלס גוטער ווילן איז נישט גענוג. וועלט פּאָליטישע און סטראַטעגישע אינטערעסן קרייצן זיך, זינט דער זכרון פון דער געשיכטע קאָן געדענקען — אין מיטעלן מזרח.

**צום 37־טן יאָר פון דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה זענען מיר פול מיט האָפענונג, אַז ישראל וועט לייזן אירע פּראָבלעמען, טראָץ אַלע שטיינער, וועלכע מען לייגט איר אין וועג.**

**מ. א.**

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

אַדרעס פון רעדאַקציע: "KADIMAH", 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria 3185, Australia

אַפּריל־מאַי 1985 נומער 2 (46) מעלבורן, אויסטראַליע

## דאָס געבאָט פון דער שעה

מיט פערציק יאָר צוריק, ביים סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן זיך אַנטפּלעקט די גרוילן פון דער נאַצישער בעסטיאַלישקייט, און די מענטשלעכע שפּראַך איז באַרייכערט געוואָרן מיט סימבאָלן ווי: האָלאָקאָוסט; אוישוויץ; טרעבלינקע.

דאָס, וואָס פאר זשורנאַליסטן און שרייבער זענען סימבאָלן, וועלכע דאַרפן שטעלן אין פאָקוס געשעענישן — דאָס איז פאַר אונדז ידן — טראַגישע ווירקלעכקייט.

דאָס איז אַ ווירקלעכקייט, וועלכע איז אַריינגעדרונגען אין אונדזער טאָג־טעגלעכן לעבן און מאָטיווירט אונדזער גייסטיקן מהות, אומאָפּהענגיק צי דאָס געשעט באַוווסטזיניק אָדער נישט. מיר קאָנען זיך נישט באַפרייען פון געפיל פון אחריות, כאָטש קיינער האָט אויף אונדזער דור נישט אַרויפגעלייגט די דאָזיקע לאַסט.

אין די פערציק יאָר, זייט די גרויזאַמקייטן איבערן ידישן פאָלק האָבן זיך אַנטפּלעקט פאַר דער וועלט — קאָן זיך דוכטן, אַז מיר וויסן שוין אַלעס וועגן אָט דער טראַגישער צייט.

עס ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז די גערעכטיקייט, וועלכע מיר האָבן דערוואַרט פון דער וועלט נאָכן חורבן, ווי דעם נאַטירלעכן אויסדרוק, אַז די וועלט וויל אויסרייניקן פון איר מיטן די לעגאַליזירטע פאַרברעכערישקייט פּראָקלאַמירט דורך די נאַציס — אָט די גערעכטיקייט הויבט אָן פאַרשאַטנט צו ווערן.

נאַצי־פאַרברעכער דרייען זיך אַרויס פון דער פאַרדינטער שטראָף, צוליב מאַנגל פון באַווייזן.

דער הענקער פון ליאָן אין פראַנקרייך — באַרבי — זיצט שוין עטלעכע יאָר אין תפיסה, און די דאַטע פון זיין פּראָצעס איז נאָך אַלץ נישט באַוווסט. פעלט די פראַנצויזן באַווייזן, אָדער פעלט די פראַנצויזן מוט צו הערן באַרביס עפנטלעכן מודה זיין זיך?

דער האָלענדישער קריגס־פאַרברעכער מאַנטען איז באַפרייט געוואָרן, נאָכן אָפּזיצן אַ קליינעם חלק פון זיין שטראָף, אַ שטראָף, וועלכע מען האָט בכלל אויף אים נישט געוואָלט אַרויפלייגן, צוליב געוויסע סיבות...

אַ ס. ס. מאַיאָר, אַ קריגס־פאַרברעכער, איז באַפרייט געוואָרן אין איטאַליע, און איז אויפגענומען געוואָרן אין עסטרייך מיט אַ מיליטערישן פּאַראַד, דורך אַ מיניסטער.

ד"ר מענגעלע — דער מלאך המות פון אוישוויץ האָט זיך געפונען אין אַמעריקאַנער הענט — און איז פאַרשוונדן...

די אַלע פאַקטן זענען דער באַווייז פון אַ טענדענץ פון וועלן פאַרבלאַסן דעם ידישן חורבן, און וועלן פאַרגעסן וואָס ראַסיסטישע רעזשימען קאָנען מאַכן פון דער וועלט. עס איז אַ טענדענץ פון וועלן אויסמעקן פון געוויסן פון דער וועלט — טראָץ דעם וואָס די פאַקטן שרייען ביז צום הימל.

מיר אַליין ווערן ווייניקער — און די ווייניקע ווערן עלטער און שוואַכער. אונדזערע געטאָ־אָנדענקאונטן נעמען ביסלעכווייז אָן דעם כאַראַקטער פון מזכיר נשמות צערעמאָניעס, אין ענגע ידישע קרייזן.

און ווי וועט עס אויסזען, ווען דער לעצטער קאַצעטלער, דער לעצטער עדות וועט אַוועק פון דער וועלט?

דאָס געבאָט פון דער שעה איז — נישט לאָזן איינשלעפערן דאָס געוויסן פון דער וועלט. עס איז נישטאָ קיין צייט־באַגרענעצונג פון משפּטן די פאַרברעכער. דורך וואָרט און שריפט, דורכן חורבן־מוזעאום דאַרף קומען דאָס געשריי און קלאַנג, כדי די סביבה אין וועלכער מיר לעבן זאָלן באַקענען די סיבות וואָס האָבן געבראַכט צום ידישן חורבן אין אייראָפּע — די זעלבע סיבות קאָנען דעסטאַביליזירן און צעשאָקלען דעם סדר פון דער וועלט, און פאַרוואַנדלען איר אין אַ דזשונגל פון חיות און יעגער.

## מדינת־ישראל — צום 37טן יאָר

אַ ידישע מדינה, וואָס איז געווען דער טרוים פון געציילטע, איז נאָך דער וועלט־מלחמה (און דעם חורבן) געוואָרן אַ נויטווענדיקייט. אַפילו ווען נישט אַלע ידן פון אייראָפּע, האָבן פאַראייניקט זייער גורל מיט דער מדינה — איז דאָך די אַנטשטייאונג פון דער מדינה געווען דער מאָראַלישער כוח, וואָס האָט געגעבן די נעכטיקע קרבנות פון נאַציזם אַ זין אין לעבן.

37 יאָר איז אַ היפּשער מהלך אין דער שטורמישער צייט פון אונדזער יאָרהונדערט. ישראלס פּראָבלעמען וואָלטן געסטיקעט צו באַזאָרגן דער גרעסטער מלוכה אין דער וועלט, און ס'וואָלט נאָך געבליבן אַ רעשט. די יונגע מדינה, ווי יעדע מדינה, אַפילו אַן אַלטע — האָט צו פאַרצייכענען דערפאָלגן און דורכפאַלן. פון דורכפאַלן

# „קדימה" פּרעזענטירט
# דעם
# „הבימה"־טעאַטער

## אין שייכות מיטן 125טן געבוירנטאָג פון שלום־עליכם



שמואל ראָדענסקי    שמואל סעגאַל    שמואל עצמון

# אין 2 פּראָגראַמען:

**זונטיק, דעם 5טן מאַי 1985, 8.15 אָוונט**
**אין נעשאַנעל טעאַטער, סט. קילדאַ**

**און שבת, דעם 11טן מאַי 1985, 8.15 אָוונט**
**אין „קדימה"־טעאַטער, עלסטערנוויק**

# „דאס רעדל דרייט זיך"

**זונטיק, דעם 12טן מאַי 1985, 3 נ.מ. און 8.30 אָוונט**
**אין „קדימה"־טעאַטער, עלסטערנוויק**

# „די קליינע מענטשעלעך"

ISSN 0155-0128

# מעלבורנער בלעטער

## 1943 — געטאָ־נומער — 1985



אינהאלט:

מ. א. — דאָס געבאָט פון דער שעה; מדינת־ישראל — צום 37טן יאָר . . . . . . . . 1
ד"ר מ. פערשטענדיק — גאָט אין אוישוויץ, איוב אין טערעזיענשטאַט און דער רבי אין ניו־יאָרק . . . . . . . . . . 2
מ. אייזענבוד — דער לעצטער וויי־געשריי פון גרויסן דיכטער . . . . . . . . . 6
שלום ג. — די אַנדערע מיינונג... . . . . . . 10
הערשל באַכראַך — זיי זענען געגאַנגען מיט די קינדער . . . . . . . . . . 11
יעקב ראָזענבערג — אָשוויענטשים (פּאָעמע) . . . 13
לעאָן אָלשינאַ — פּרינץ לודוויק שטראַסע 17 . 15
ב. פורמאַנסקי — אין בונקער (ליד) . . . . . 18
י. מ. לעווין — אויף פרעמדע אַקסלען (עפּיגראַם); בלייכע הענט (באַלאַדע) . . . . . . . . 19
א. זילבער — פון טיטוס־טויער ביז דער רעזידענץ פון וואַטיקאַן . . . . . . . . 19
הערשל באַכראַך — „די שטערן פון מעלבורן" (צו דער נייער אויפפירונג פון מעלבורנער יידישן יוגנט־טעאַטער) . . . . . . . . . 21
שמאול בענעט — דער יידישער אָנהייב אויפן פינפטן קאָנטינענט (צום 150־יאָריקן יובל פון וויקטאָריע) . . . . . . . . . . . 22

פּרייז פון נומער $1.50

אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה" אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן נר. 2 [46] אפּריל־מאי 1985